# אלט און נייא

אָדער

## דור הולך ודור בא.

איין דור פֿערגייט
דער אנדרערער איז שוין גרייט
און דיא וועלט שטייט און שטייט

איין אמתע מעשה וואס קענן זיך תמיד טרעפען.

פֿין

יוסף בר׳ יצחק וויינשטיין.

אדעסא.
אין דער טיפּאָגראפֿיע ל. ניטשע עט א. צעדערבוים.
1867.

15

# א ווארט צו דיא לעזער

## פין זייער איין אלטען בעקאנטען.

עס איז בעקאננט, אז אין איטליכען דור זענין דאָ א טהייל מענשען וואָס געהערען צו דער אלטער וועלט און אַ טהייל וואָס געהערען צו דער נייער, — געוועהנליך מיינט מען: דיא פֿרוממע קלאססע מענשען הייסען דיא אלטע וועלט און דיא אויפֿגעקלערטערע—דיא נייע. איך וויל דאָ ניט אריינגעהן אין ווייטע דרכים, וואָס דיא וועלט פֿערשטעהט אונטער פֿרום און אונטער אויפֿגעקלערט — זעהר אָפֿט האָט מען אין ביידע אַ גראָבען טעות. נאָר דאָס קענן מען ניט לייגנען — דיא וועלט ווערד אוודאי אללע מאָל אויפֿגעקלערטער. פֿין דעסטוועגען קענן מען דאָך ניט רופֿען נאָר דיא אויפֿגעקלערטע דיא נייע וועלט; אזוי וויא מען קענן דיא פֿרוממע ניט נ... נען דיא אלטע. מיר זעהען אינ'ם נייען דור נאָך אויך שטארק פֿרומ... אַ טהייל אֱמת פֿרים און דערצו אויך גוט; דען דאָס איז טאקי דער ר... סימן, אֱמת פֿרומע זענין דאָס ערשטע גוטע, ליעבע מענשע... אַ טהייל קלאָמערשט פֿרומע, פֿערשטעלטע, צבועקעס, וואָס... מעשר פֿין שטרויה און וואשען זיך דיא הענד נאָך איטליכע... ווידער פֿערקעהרט זעהען מיר א טהייל עלטערע מענשע... אלטע, גרויסע חכמים מיט תורה און אֱמתר אויפֿקל... וויט פֿין אבערגלויבען (גלייבען אין נארישקייט או... האָבען זיך זייער לגבען לאנג בייא קיין רבין געבענ... טער געשפראָכען, און האָבען זייערע יאָהרען אָבגעלע... און אֱהן אַ פדיון. דאריבער איז דאָס פֿאלש, דער אל... נארישע אבערגלויבישע פֿרוממקייט צו צושרייבען און ...רונג דעם נייען דור. שלמה המלך האָט מיט זיין גרויס...

דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת...

דאָס הייסט: אַ דור געהט אוועק, אַ נייער קוממט, בלייבט דיא איינענע. —

אין אונזער צייט מאכט מען אַ נ-אנדערן חילוק – דער געבילדעטער אויפֿגעקלערטער מענשענקלאסע אליין—צווישען... און נייער וועלט: אַ דור צוריק זענען אללע געלעהרטע יורען פֿין זי... פֿין איינענעם פֿלייס געבילדעט געוואָרען; עס זענען ניט געוועזען קיין

שע שולען, אונ אלגעמיינע אנשטאלטען האָט אַ יור זעלטען בעזוכט; דיא
רופּט מען היינט דיא אלטע וועלט, זעלבסטגעלעהרטע (אויטאָדידאקטען).
דער נייער דור האָט דערלעבט, בחסד ארונינו הקיסר יר"ה, שולען,
וויא דיא יוגענד קאָן זיך אָהן פֿיעל מיה אויסבילדען אונ קונה שלמות זיין,
אָט דאָס איז דיא נייע וועלט. מיר ווילען דאָ ניט אריין געהן אין הקירות
וועלכע עס זענען בעססער, געלעהרטער. אין אֱמת אריין האָבען ביידע
מעלות אונ חסרונות: דיא אלטע (אויטאדידאקטען) האָבען אַ מַעלה, וויל
זייא האָבען זיך אלליין געבילדעט, איז דאָס דער בעסטער סימן, אז זייא
זענען פֿין דער נאטור דער צו בעשטימט, זייא האָבען געוויס גרויסע פֿעהיג-
קייטען אונ גרויסען פֿלייס געהאט. דער חסרון איז אָבער, זייא האָבען קיין
מדריך, קיין וועגוויזער געהאָט, אונ עס מוז זייא תמיד עפּעס פֿעהלען.
דעם פֿעהלט דאָס לשון המדינה, וואָס איז כמעט דאָס נאָטהיגסטע; דעם
נאָטהיגע וויססענשאפֿטען, וויא מאטהעמאטיק, געאָגראפֿיע אונד דער גליי-
כען. דיא נייע (שולגעבילדעטע) האָבען אלדינג געלערנט, זייא האָבען גוטע
לעהרער געהאט אין אללע זאכען— דער חסרון איז אָבער, ניט איטליכער
פֿין זייא איז דערצו געשאפֿען, עס קאָן זיין דיא נאטור האָט איהן בעשטימט
גאָר אַ בעל מלאכה צו זיין אונ ער איז געוואָרען אַ לעהרער, אַ רב, אַ
דאָקטאָר. ער קענן טאקע פֿין אלימען א לעק— קיין געלעהרטער, קיין
חכם איז ער פֿאָרט ניט.— פֿין ביידע דאָס בעסטע איז, אז איינער פֿין
דיא אלטע, אַ זעלבסטגעבילדעטער יונגערמאנן, האפט זיך אריין צווישען
דיא נייע, בעזוכט רעגעלמעסיג איינע אנשטאלט, דער איז שוין גאָר אָהן אַ
חסרון. איין אויטאדידאקט הייסט אָבער ניט נאָר דער וואָס קענן דוקא
פֿראנצאָזיש— נייך, אַ יונגערמאנן וואָס האָט אַ סך גמרא געלערנט אין
בית המדרש אונ אַ סך יודישע חכמה ספרים, דער הייסט אויך אַ זעלבסט-
געלעהרטער. העלפֿט איהם גאָט אין אַ שולע אריין צו קוממען, קאָן פֿין
איהם אלדעס גוטס אויסוואקסען.

אין דעם ביכעל ווערט דערצעהלט פֿין צווייא יונגע לייט, וואָס האָ-
בען ביידע פֿריהער געהערט צו דער אלטער וועלט, איינער איין אויטאדי-
דאקט, אַ לעהרער אונ איינער גאָר פשוט אַ חסידיל, נאָר מיט אַ גוטען
קאָפּ. דערנאָך זענען ביידע איבערגעגאנגען אין דער נייער וועלט, האָבען
ביידע שטודירט: דער לעהרער אין דער אוניווערזיטעט אויף דאָקטאָר מע-
דיצין, אונ דאָס חסידיל אין דער ראבבינערשולע אויף פעדאגאָג (לעהרער).
דאָס חסידיל האָט זיין נייען לויפבאהן צו פֿערדאנקען דעם אויפֿגעקלער-
טען לעהרער, וואָס גאָטט האָט איהן מיט איהם צונויף געפֿיהרט אויף א
רייזע פֿין ב... קיין ק... גאָר אַ קליינער וועג פֿין 12 מייל. צווייא טאָג
זענין זייא אין איינעם געפֿאָהרען אונ דאָס האָט געמאכט א פערעמעננע
אין דעם חסידיל'ס גאנצען לעבען. דארויס קענן מען זעהן וואָס גוטע נע-

זעלשאפֿט מאכט! דאריבער האָט דער מחבר, מיין פֿריינד ה׳ וויינשטיין, דאָס ביכעל דען קלוגען נאָמען געגעבען: „אלט און נייא“ אָדער „דור הולך ודור בא“, דאָס הייסט ביידע דורות אין איינעם. פּראָסטע מענשען וואָס וועלען עס לעזען וועלען געוויס קיין חרטה ניט האָבען. געבילדעטע מענשען חאָטשע זייא קעננען געוויס בעקוממען בעסערע ביכער צו לעזען דארפֿען אָבער דאָס ביכעל אויך ניט מבייש זיין. איך וויים פֿיעל גוט ברודער־שאפֿט! דער מחבר איז, גלייבט מיר, אויך אַ חברהמאנן; ער לעזט אייערע ביכער אויך. האָט אַ סוחר אַ ביסעל געמיינערע סחורה ווארפֿט מען איהן דערפֿאר פֿין דער חברה סוחרים ניט ארויס. — פֿין איטליכעם בוך איז דער תכלית דער עיקר, און דער תכלית פֿין דעם ביכעל איז זעהר אַ טייערער. לעזט און אורטהיילט! —

א. ב. גאטטלאבער.

Дозволено Цензурою. Одесса 30 Января 1867 года.

# הלכות בעל עגלה.

צווייא און צוואנציג טאָג אין אלול ת״ר..., אים מיטוואָך פֿארנאכט, איז אין ב... אונטער דער גרעבליע, נעבען דער ק... נער סטאנציע, געשטאנען אַ ביידעל, איינגעשפאנט דרייא פֿערד: אַ בלינדער קאשטאן מיט אַ שארפֿען ריקען, אַ סטאראָזאסלושזאָנע פֿין אַ פּאָטשט; נעבען איהם אין דישעל אַ הינקעדיגער שפאק, אַ גרויסער מיט אויפֿגעשטעלטע אויהרען, ניט לאנג אָבגעקייפֿט פֿין אַ פּאָלקאָוואָיע קאפעליא; דאָס דריטע אויפ׳ם דראָנזשיק, אַ יונג בולאנע שקאפקאלע—פֿין וואנען דאָס קומט ארויס ווייסט אָפּשר דער בע״ג אויך ניט, ווייל ער האָט נישט דארויף קיין סווידעטעלסטוואָ.—פֿין פֿאָרינט אין ביידעל איז געליגען ארויף געוואָרפֿען: אַ שאַן טשומידאנטשיקעל (לעדערן טלימיקיל), אויף עטליכע אָרטער צוגעקלעבט קוויטליך פֿין איין אייזענבאהן, אַ לעדערן קישען, אַ פאראסאָל, אַשאַן טראָסטען שטעקעלע און אַ בורקע מיט רויטהען אונטערשלאג. נעבען דער סטאנציע אויף דער פריז-בע איז געזעסען אַ יונגער מאנן, שאַן דייטש געקליידעט, מיט אַ פאפיראָס אין מויל, און האָט אללעמאָל ארויסגענומען פֿינ׳ם רייזעטאש אַ בריף און איז געזעסען איבער איהם פֿערטראכט און פֿערזאָרגט. פליצלינג האָט ער זיך אויפֿגעחאפט און האָט דעררייכערט געשווינד דען פאפיראָס און האָט איהן פֿערטרעטען, האָט איבערגעריקט דען רייזעטאש אויף דער זייט, און אַ קוק געטהון אויפ׳ם זייגער: „האלב זיבען! אום גאָטטעס וויללען ווענן וועלען מיר פֿאָהרען? — וויא איז דער בעל—עגלה? — עס איז שוין באלד נאַכט — היינט איז שוין פֿינסטער צו פֿאָהרען באנאכט!“ —

„ער עסט וועטשערע און רעכענט זיך מיט דער בעל-בית-טע“, האָט זיך איינער אָנגערופֿען פֿין יענער זייט ביידעל — „נישט קשה, מיט איהם מעגט איהר נאבעזפעטשנע פֿאָהרען באנאכט!“.— „ווער איז דאָרט נעבען ביידעל?“ פֿרעגט דער יונגערמאנן. „איך! איך! דער מעקלער! מיין ליבער יוד!“. אין דער מינוט איז צו איהם צוגעגאנגען אַ קליין יודעל אין אַ צעריססענער קאפּאָטע פֿערשטעקט דיא פּאָלעס, אין אַ קאשקעט טיעף אָנגעריקט איבער דיא אויגען, מיט אַ קוואטש אין דער האנד: „איהר זענט דער מעקלער?“ פֿרעגט איהם דער יונגערמאנן. — „איך, מיין ליבער יוד!“.— „וויא איז אייער בעל-עגלה?— „ אָט וועט ער זאראז ארויסקומען, ער עסט וועטשערע“. — „וואָס איז גאָר אצינד וועטשערע? — ער וועט ניט קעננען עססען אין אַ קרעטשמע אויף נאכטלעגער?“

„פֿערשטעהט איהר מיך, מיין ליבער יוד" — ענטווערט דער מעקלער מיט אַ שמייכעלדיגער מינע — „ער רעכענט זיך מיט דער בעל־בית-טע, נאָ האָט זיא איהם געגעבען וויים איך דאָרט עפּים א שטיקעל פֿלייש מיט אַ בולקע, וויא זאָגט ער, אז מען קאָכט עסט מען. ניט אזוי מיין ליבער יוד ? הא ? ". — „גע־עכט ביסט דוא טאקע—זאָגט דער יונגערמאנן, אויך מיט ווייכע רייד און קוקט איהם אין דיא אויגען אריין—נאָר געה רוף איהן ארויס, ער וועט שוין דאָס איבריגע דערעססען אויף דער קעלניע ; און פֿרעג טאָמער איז דאָ גוט ביער. " — „ביער ווילט איהר ? ", האָט זיך אַ חאפּ געטהון דער מעקלער, שוין געהענדיג אין שטוב אריין. „יאָ, ביער" זאָגט יענער. — „ביער ? — מיט אללע כבודין, מיין ליבער יוד"—זאָגט ווייטער דער מעקלער—און האָט אוועק געוואָרפֿען דען קוואטש און אָבגעשטעקט דיא פּאָלעס, „ביער ?—אָבער פֿין ביערגלאנד! וויא זאָגט ער, טרינק יאָ, טרינק ניט, שטארבען מוז מען. " מיט'ם לעצטען וואָרט איז ער שוין געוועזען אין שטוב, האָט געחאפּט נעבען בע"ג אַ טרינק בראָנפֿען און אָבגעקנייפּט אַ שטיק בולקע און איינגעטונקט אין ראָסעלפֿלייש, און האָט אין איין וועג פֿערשלעפּט אַ שטיק פֿלייש, פֿין וואָס דער בע"ג איז ניט זעהר צופֿרידען געוועזען, און האָט איהם דערלאנגט אין טאטען אריין: „אז מען לאָזט—זאָגט ער— אַ הונד אויף דער באנק שפּרינגט ער אויפֿ'ם טיש" ! — „נישט קשה—זאָגט איהם דער מעקלער—איהר מעגט שוין וועניגער עסען, איהר וועט שוין האָבען אַ גוטען ביערגעלד ; וויא זאגט ער, עס איז איהם בעשערט דאָס דייטשעל. זעהט נאָר אייער שפּאק זאָלל ניט מאכען נא ליעוואָ קרוגאָם, וויא זיין טבע איז. " — „דאָס איז שוין ניט דיין טאטענס עסק", זאָגט דער בע"ג מיט אַ פֿערדומפּען קול. „ווער וויללדאָ ביער ? "— האָט זיך צעשריגען דיא בעל־בית־טע, אַ יורענע פֿין אַ יאָהר פֿופֿציג, אַ דיקע, אַ קאָסעאָקע, פֿער־שפּרייט דען בויך מיט אַ פֿאטשעלע מיט רויטהע קוועטעלעך, גוט פֿערסמאָלציוועט, מיט'ם הייבער נא פלעטשאָ—„ווער וויל ביער ? " —„איך, איך, בעל־בית־טע לעבען ! "—לויפֿט צו דער מעקלער מיט אַ זוס שמייכעלדיג פנים מיט דער אָקע אין דער האנד — „איך, פֿינ'ם דייטשעלס וועגען. איך האָב אייך חלעבען נישט פֿיינד, אַזא יאָהר זאָלל איך האָבען וויא האָניג איז זים, וויא זאָגט ער, נאָר נישט. " — „אָט מיינע צרות אויף דיר, חלעבען—זאָגט יענע—וועט דיר זיין האָבער צו קאָפּענס. נאָ, שטעלל שוין אונטער דיא אָקע, וואָרים איך נעם דיר אראָב דען קאשקעט (דעם מעקלער איז דאָס געוועזען דיא גראָסטע שטראָף) איך וועל דאָ שטעהן איבער דיר ? — זיא האָט איהם דורכגעלאָזט דאָס ביער, און גוט אָבגעשווענקט דען פֿערסמאָלציוויטען פֿינגער. און דאָס רעשט אָבגעקאפּעט אין מויל אריין : „געה נאָר ברענג מיר זאראז געלד, איך וועל ניט געהן זוכען דען דייטש. " — „שטאטש, וויא דען ! " ענטווערט

יענער—און איז ארויס מיט'ם ביער פֿין וועלכעם דער דייטש האָט מעהר אויסגעשפּיגען וויא געטרונקען: „פּע! — וואָס האָסט דיא מיר געבראכט?" פֿרענט איהן דער דייטש—ביער מיט בראָנפֿען אין איינעם? נאָ, טרינק! פֿאר דיר איז דאָס אֶפּשר אַ משקה. וויפֿיל קומט דערפֿאר? נאָ, ברענג מיר רעסט!". — דער מעקלער האָט צו גענומען דאָס ביער מיט'ם געלד, און האָט שוין געהענדיג אין שטוב אריין געשלאָקיט, עס האָט איהם אזש גערינען איבער דער באָרד ביז אויף דער ערד אראָב, און האָט דאָס רעסט אויסגעגאָסען און זאָגט: „איך וויים ניט פֿאר וואָס איהר טרינקט ניט, מיין ליבער יוד. דאָס ביער איז שלעכט? גאָטט-בעוואָהר"! — ער האָט אריין דערלאנגט דיא אָקע און האָט זיך אָבגעווישט דיא ליפּען, און זאָגט: „נאָ, מיין ליבער יוד! אצינד פֿאָהרט איהר שוין, אָט געהט שוין יחיאל".—

יחיאל, דער בעל-עגלה, אַ פּריסיאדקעוויטע יודעל מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ היבש בייכעל, אין אַ געשטעפּט לייבעל מיט א רויטהען גארטעל אונטערגעבונדען טיעף אונטער דעם בויך, אין צוויא ברייטע בלאָע פּלידערן, אויף דיא קניעס אכיסל דורכגעריבען, אין צוויא גרויסע יוכטענע שטיוועל מיט אַ שווארץ שמוישען קיטשמעלע אויף דעם שפּיץ קאָפּ און ארום צעפּאטלעטע קודלעס מיט א קליין שטירנדעל, געדיכטע ברעמען, אַ ברייטע רויטהליכע נאָז און אַ געדעכט שווארץ בערדעל נישט זעהר קיין לאנגס, וויל ער קייעט עס שטענדיג אין מויל, בייסט ער עס אונטער

„אַ נאָ! וועלען מיר פֿאָהרען?" — האָט אַ געשרייא געטהון יחיאל אויף אַ גראָב הייזעריג קול: „מענדיל! וויא ביסט דיא ערגיץ בייא אלדע-שווארצע יאָהר? — ביסט קראנק געוועזען ביזקעלע אהער אויסצומאָסטען איןביידעל? נאָ, ריהר זיך, דיא לעהמינער גולם! חאפּ ערגיץ אַ קיל שטרויה"— מענדיל האָט באלד געבראכט אַ קיל שטרויה און איז פּראָ-וואָרנע ארויף אויפֿ'ם ביידעל און האָט גוט אויסגעמאָסטעט צום זיצען, און זאָגט צום דייטש: „אַ נאָ, זיצט אויף מיין ליבער יוד". — דער דייטש האָט זיך אויסגעגעניצט און האָט זיך אויפֿגעזעצט.

מענדיל איז ארויף אויף דער שטאנגע, יחיאל האָט פֿערצוימט דיא פֿערד און איז איבערגענאנגען מיט דער האנד דעם שקאפקעלע איבער'ם רוקען, און אזוי איז ער צוגעגאנגען צו דער קעלניע, האָט אריבערגעשפּאנט איבער'ם דראָנזשקאָווע לייצעל, האָט געגונ-עט דיא בייטש: „וויאָה, ריעטי! וויאָה! האָ! היי!". — אזוי האָט אוועק געריהרט דאָס ביידעל טריט בייא טריט, אללע דרייא האָבען געשוויגען, נאָר וואָס יחיאל האָט אללע מאָל אַ שמוס געטהון צו דיא פֿערד וויא פֿינ'ם שלאָף: „וויאָה ריעטי וויאָה! וויאָה!". — „פֿאָהרט, פֿאָהרט!" האָט זיך אָנגערופֿען דער דייטש פֿינ'ם ביידעל ארויס. מענדיל האָט זיך אריינגעבויגען אין ביידעל און האָט איהם איינגערוימט וויא אַ סוד: „פֿערשטעהט איהר מיין ליבער יוד, מען

קאָן דאָ נישט לויפען אויף דיא שטיינער.„ — „ניע באָיס! פאַיערים!„ רופט זיך אָן יחיאל— „לאָמיר נאָר אראָב פון דיא פראָקליאטע שטיינער, וויאָה!"— אללע זענען ווייטער שטיל געבליבען אונ האָבען זיך פאוואָליע אוועקגעשאָקעלט. עס האָט שוין אָנגעהויבען טונקעל ווערען אין דרויסען. דאָ איז אקעגען געקומען אַ גאנצער טראנספאָרט קאצאפסקי פאָוואָזקעס, פליצלינג איז אָנגעלאָפען פון הינטען עמיצער מיט אַ גלאָק, דאָס ביידעל האָט אלץ געמוזט אָבטרעטען פונ׳ם וועג, ביז זייא זענען אראָב פון דיא שטיינער. דאָ איז באלד דער מעקלער אראָב פון דער שטאנג, אונ דאָס ביידעל איז געבליבען שטעהן.

„וואָס איז שוין? — פרעגט דער דייטש—איהר שטעללט זיך שוין נעכטיגען" ? — „גאָר ניט—ענטווערט דער מעקלער—אָט וועט מען פאָהרען".

„וואָס איז שוין—האָט זיך אָנגערופען יחיאל מיט צעצויגענע ווערטער— איהר וויללט שוין פליהען פאָטשט? — אָבער גאָר ניט! עס האָט ניט צו אייך, אַבי איהר זאָלט זיין אין ק... אויף שבת." —

„טא!— ענטווערט יענער—איך בין דעך בייא אייך אין דיא הענד."

אין דער מינוט איז צוגעקומען מענדיל צום ביידעל אונ האָט אַרויף געוואָרפען אַ זאק מיט בעטגעוואנד אונ אַ טלית ותפלין, אונ זאָגט: „אָ דאָ וועט איהר זיצען אַקעגען פון פאָרנט." אונ פון דער אנדערער זייט האָט שוין איינער אריין גערוקט אַ פוס אין ביידעל אריין, אַ יונגערמאַנן פון אַ יאָהר צוואָנציג מיט אַ ריסיאַווע שפיציג בערדעל, מיט געקרייזעלטע פאוה, איין אויסגעצויגען פנים, אַ לאנגע אביסיל אויסגעבויגענע נאַז, אין אַ קיילעכיג פעלפען היטעלע אביסעל פעררוקט, אז מען זעהט ארויס וויא דער קאָפ איז אין גאנצען אָכגעשוירען אונ איבער דען שטירן אַ שפיץ פון דיא האָר, אין אַ שינעטען טיליפעל מיט דריבנע וויסע שמיישלעך, אין שוך אונ זאָקען, אין פלודערן וואָס מען דערקענט אז זייא זענען אמאָל געוועזען שאמענע, אראָב געלאָזט איינער קורצער איינער לענגער.

„וואָס איז דאָס? — פרעגט דער דייטש—איך האָב דאכט מיר געשמוסט איך זאָלל פאָהרען אלליין? הא? צו ניין?„ — „נאָ יאָ — ענטווערט דער מעקלער — עס איז טאקע אֶמת מיין ליבער יוד, נאָר וואָס וועט אייך הארען, עס וועט אייך זיין היימליכער צו פאָהרען. חלעבען איך האָב געטראכט איהר וועט אלליין וועללען. לאָז ער פאָהרען" אונ זאָגט צום יונגענמאַנן: „פאוואָליע ר' שלום, וויא איהר האלט דיא פיס!"

דער דייטש האָט שוין געשוויגען אונ דער פערשוין איז געזעסען אַפילו זעהר נידריג, נאָר ער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאכט. —

דער מענש ליידט אָפט גלות, נאָר וויל ער קומט זיך צונאויף ניט מיט זיין גלייכען. ווען דער יונגערמאַנן זאָלל פאָהרען מיט זיין גלייכען וואָלט ער געזעסען פרייא, ער וואָלט זיך אויסגעמאָסטעט חאָטשע אביסעל

בעסער, ער וואָלט באלד נעהאט מיט זיעמען אַ וואָרט צו רעדען, און דאָ איז גלייך וויא ער וואָלט נעפֿאָהרען אומזוסט; ער האָט זיך מורא אַ ריהר צו טהון, טאָמיר וועט ער אַ שטורך טהון דען דייטש, ער האָט מורא אויסצושפייען, טאָמיר איז דער דייטש אַ מפֿונק. חאָטשע צום אֱמת איז דער דייטש בייא זיך גאָר פּשוט און ווייסט אז יענער איז אַ גלייכער מענש מיט איהם, און האָט נאָך אֶפשר אַ בעסער הארץ פֿין יענעם. מיר זעהען אויך אָפֿט אַ מענשען וואָס האָט ליעב זיך צו שטרייכען אָן אַ גראָסערן פֿון זיך, ער מעג וויסען גאנץ זיכער אז ער וועט פֿין איהם קיין שום טובה ניט האָבען, אָדער ער דארף גאָר ניט זיין לאסקע; נאָר ער מיינט אז עס איז פֿאר איהם אַ כבוד, אז יענער שמוסט מיט איהם, און ער שטעהט פֿאר איהם כעבדאָ קמאָ מריה. חלעבען דאָס איז אַ פחיתות כבוד, ניט קיין כבוד.

„נאָ, וויא איז מיינס? — פֿרעגט מענדיל—מיין שכר טרחא, מיין ליעבער יוד?" „וואָס, דיינס? — איך האָב דיך דיר נעגעבען", זאָגט דער דייטש. „ווען? — " „שטאטש דאָס רעכט פֿינ'ם ביער, האָסט שוין פֿערגעססען?". — „הא—פֿינ'ם ביער? — יאָ, יאָ, נערעכט! — נאָ גיט מיר נאָך עפּים זילבערינס, איהר וועט האָבען אַ מצוה חלעבען, איך וויל מיר מאכען אַ שטיקעל קאפאָטע. יענער האָט איהם נאָך עפּים נעגעבען, פֿאר וואָס דער האָט איהם נעבענשט, און האָט אויסגעלאָזט מיט דיא ווערטער: „נאָ פֿאָהרט ר' יחיאל! " — יחיאל האָט אַ נעם נעטהון דיא ווישקים און האָט א דרעה נעטהון מיט דער בייטש אין דער לופֿט: „וויאָה רעביאטא!— זייא געזונד, מענדיל. נאָר קראַץ דיך ניט!" — דיא פֿערד וואָלטען כאֱמת געוועזען געלאָפֿען, נאָר עס איז שוין גוט פֿינסטער נעוואָרין, האָט מען נעמוזט פֿאָהרען פּאוואָליע. דער יונגערמאנן האָט אָנגעהויבען דאווינין מערב, און דער אנדערער האָט געדרימעלט אין בֵּידעל און האָט זיך נעשאָקעלט אהין און אהער. דיא פֿערדליך האָבען זיך פּאוואָליע נעשלעפּט, אין פֿעלד איז געוועזען שטיל, אלדינג וויא טוידט, נאָ־ אמאָהל האָט יחיאל אַ היקע נעטהון אויף דיא פֿערד און האָט ווייטער נעדרימעלט, אָדער דער יונגער מאנן האָט זיך נעשלאָגען אין הארצען אין דער שמונה—עשרה, און דער־ נאָך איז ווייטער שטילל געוואָרען. אזוי האָבען זייא זיך פֿערשלעפּט צו אַ קרעטשמע אויפֿנאכטלעגער

דער טויער איז שוין נעוועזען פֿערמאכט און א הונד האָט אָנגעהויבען ביללען אין הויף, אז מען האָט אָנגעקלאפּט, נאָר באלד האָט זיך נע־יאוועט אַ ליכט אין הויז, און דער סטאָראָזש מיט דער אָפּענטשע אויף דיא אקסעל האָט נעעפֿענט דען טויער מיט גרוים סקריפינינע, דאָס ביידעל איז אריין נעפֿאָהרען

דער דייטש איז באלד אראָב נעשפּרינגען און האָט זיך אויסגעצויגען און האָט נעהייסען תיכף אויפֿשטעללען אַ סאמאָוואר און איז אריינגעגאנגען אין אַ סטאנציע. דער יונגער מאנן איז מיט זיין קלומיקעל אריין צום ארענדאר אין שטוב און האָט באלד נעפֿרעגט צו עס איז דאָ עפּים עסען.

„סמעטענע איז דאָ“— האָט זיך אָנגערופען אַ יידענע פון אונטער איין איבערבעט. „נאָ, גיט מיר סמעטענע מיט אַ בילקע“!

באלד איז ארויס פין'ם אנדערן בעט דער ארענדאר, אַ יונגער מענש אין אַ קאשקעט פילל מיט פעדערן, דען דאשיק אָן דער זייט, אין אַ פּאָר פּלו־דערן און באָרוועס, און אין דער מינוט האָט ער שוין אנידערגעשטעלט אויפ'ם טיש אַ טעלעריל סמעטענע מיט אַ בילקע, און איז צוריק אריין אין בעט.

דער יונער מאנן האָט זיך באלד געוואשען, געגעסען און געבענשט, און האָט דערטאפּט א לאנג ביער גלאָז, און איז אריינגעגאנגען צום דייטש שבעטען אַ גלאָזטהע „איהר זענט דערפרוירען?“— פרעגט איהם דער דייטש, אָנגיעסענדיג דיא טהע.

„סטאטש דערפרירען —ענטווערט יענער— עס איז אַ קעלט וויא אים שבט“, האָט געדאנקט און איז אוועק געגאנגען אויף זיין אָרט.— דער דייטש איז נאָך אביסיל געזעסען פערטראכט. דערנאָך האָט ער געטרונקען א רעסט אויסגעקיהלטע טהעע און האָט זיך געלעגט שלאָפען.

2

# טעות גוי.

עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען האָט שוין ווידער געסקריפּעט דער טהויער, דאָס ביידעל איז ארויס פין דער קרעטשמע און האָט אָנגע־הויבען געשמאק צופאָהרען. „וויהין פאָהרט איהר?“ פרעגט דער דייטש דעם אנדערן.— קיין ק. . . ענטוואָרט יענער. „איהר זענט טאקי אַ ק. . . ער?“ „איך בין אַלליין א ל. . . ער, נאָר איך האָב חתונה געהאט קיין ק. . . , איך בין שוין וויא אַ ק. . . ער“.— „קעננט איהר דאָרט ה' גליקמאן“?— אַ שאלה, אויב איך קענן איהם? פאר וואָס זאָלל איך איהם ניט קעננען? מיין ווייב איז דאָרט כמעט אללע טאָג אין שטוב, זיא לייזט דאָרט פאר סטעננגעלעך, ביינוועלעך, קנאָפלעך און וויים איך דאָרט נאָך פאר קליינינ־קייטען. ער האָט זעהר אַ פיין מיידעל, זיא וועט אייך בייא קיינעם ניט קויפען, מען זאָלל איהר פערקויפען האלב אומזיסט; זיא איז זעהר א גוטע, עס איז נאָר נישט דאָ דיא צווייטע. „קיין ווייב האָט ער דאָך ניט, זיא איז דאכט מיר געשטאָרבען“? — „יאָ—זיא זאָלל אַ מליצה זיין! שוין דאָס אנדערע יאָהר זיא איז אייך געוועזען אַ מין עהרליכע יודענע.“— „ער איז איין עושר, זאָגט מען“?— „סטאָטש איין־עושר עס איז אַ חידוש אז ער איז איי־עושר! ער איז אָבער ניט גוט בטבע, ער איז אַ שטיקעל קמצן, און אזוי האָט ער ניט זעהר ליעב אַ יודען. ער פיהרט זיך אַפילו זעהר נגידיש, זיין דירה איז נאָר אַ פלאָ; זיא האָט אוודאי אַ שטיקעל חס־ון, זיא איז שוין אביסיל מחוץ לעיר, נאָר דערפאר אַ רחבת ידים וואָס איז אַ פהה, מיט א גוטען סאָד. און אין שטוב בייא איהם איז ממש וויא בייא אַ גראף. סטאטש, איך וואָלט מיר געווינשען מיין אייגענס האָבען זיינע כלים, וואָלט

איך שוין נים געהאט צו זארגען". — „ער האט ניט מעהר קיין קינדער נאר דאס מעדעל אונ דאס יונגעל ?". — „מעהר נישט. ער האט מעהר ניט געהאט. הא ? — לאמיך ניט לאגען, דאס ערשטע קינד איז בייא איהם אוועקגע-קוממען. איך זאג דעך איך מיין ווייב איז דארט כמעט אללע טאג אין שטוב, איך בין דארט געניט וויא בייא מיר אין דער היים". — „וואס פאר א קרעמער זענט איהר ?". — „איך גיב מיך ניט אב מיט דער קראם, נאר מיין ווייב האט דארט א קלייטעל מיט קליינינקייטען, אונ דערבייא איז זיא א שטיקעל חלפנתע, איך זיטץ מיר אין בית המדרש אונ לערן". — „נא, אונ איהר האט דערפין פרנסה ?". — „אט, גאטט פערלאזט מיך ניט. א מאל לעזט מען אין קלייטעל, אונ א טאהל טרעפט זיך א חילוף, דיא פריצים דארפין היינט שטענדיג קליין געלד". — „וויא אזוי זענט איהר איך נוהג אז א פריץ גיט אייך עפים איבער. גיט איהר איהם אב צוריק ?". — וואס הייסט ? — איך פערשטעה ניט. צו וואס זאלל איך עס טהון ? איך וועל האבען א מצוה ? איהר זענט דאך א יוד, איהר ווייסט ניט או טעות גוי איז מותר ?" — „פאר וואס פאללט עס אייך איין, אז טעות גוי איז מותר" ? — סטאטש עס שטעהט געשריעבען". — „ערשטענס וועל איך אייך זאגען דען אמת, אז איך ווייס ניט וויא עס שטעהט געשריעבען אונ ווען עס שטעהט יא, האלט איהר אלדינג וואס מען האט אונז אנגעשריעבען ?". — „איך האלט וויא ווייט עס איז מיר מעגליך, אונ ווייטער בין איך אודאי זינדיג, וויא געשיקט זיך א מענש אפילו דער פרימסטער זינדיגט אויך א מאהל. נאר וויא ווייט איך קאן מיט'ם איבערשטענס הילף, היט איך מיך אב איך זאלל האלטען וואס עס שטעהט געשריעבען". — „זאגט זשע, איך בעט אייך, איהר עסט פין א שאלה ? ". — ניין ! , פאר וואס זשע עסט איהר ניט ? ". — פאר וואס איך עס ניט ? ווייס איך דארט, איך בין מיך מיישב : א יוד מעג אוודאי עססען אז מען פסקיט כשר, נאר וואס קענן איך ניט בעשטעהן אז איך זאלל מיך אבהיטען, איך זאלל ח"ו ניט נכשל ווערין אויפ'ם טויזענדסטען פאלל. גאטט העלפט מיר אזוי פיעל, וועט ער מיר העלפען דארויף אויך". — „יא, איהר זענט גערעכט. נאר ווענן עס איז שוין וויא איהר זאגט „טעות גוי מותר", איז דאך עס אויך געוועזען א שאלה ; ווארום מען האט געפסקיט מותר, איז דאך א סברה געוועזען פערקעהרט, צו וואס זשע עסט איהר פין דער שאלה „ווייס איך דארט, איהר נעהט שוין אריין אין חקירות, מיר טארין אבער גאר ניט קלערען. ווער עס האט אנגעשריעבען איז געוועזען קליגער פין אונז אונ פרימער אוודאי, אז מען האט געזאגט מותר איז מותר". — „וואס זשע וועט זיין אז איך וועל אייך אויסווייזען, אז דא וויא אייך ניצט גיט איהר אייך איין עצה אונ טהוט אגדערש וויא עס שטעהט געשריעבען ? " „וואס הייסט איין עצה ? יודען טהוען איז געטהון, איז אוודאי אזוי רעכט אונ ווייטער האב איך אייך שוין געזאגט אז אין חקירות וויל איך מיך ניט

אריינלאָזען".— דער דייטש האָט גוט געוואוסט, אז וויא אזוי ער וויל
ניט קיין הקירות, נאָר פֿינ'ס וואָגען וועט ער ניט אראָבשפרינגען, האָט ער
זיך ניט געקעננט איינהאלטען ער זאָלל זיך ניט אָברערען דאָס הארץ, אונ
טאָמער וועט ער טאקע עפּיס ווירקען, האָט ער זיך צורעדט מיט היטץ: „איהר
מעגט אייך שעמען חלעבען אז איהר חאפּט אייך אָן אָן אזעלכע זאכען
אונ האלט אייך שטאָהל אונ אייזען; סטאטש אַ יוד, דאָס הייליגסטע אונ
דאָס עלטעסטע פֿאָלק אין דער וועלט, וואָס גאָטט האָט זייא אויסגעוועהלט
פֿין אללע פֿאָלקער אונ האָט זייא געגעבען דיא תורה, דיא תורה וואָס דיא
גאנצע וועלט שטעהט אויף איהר, אֲפִילו נישט קיין יודען; אַ יוד וואָס אללע
מצוות בעשטעהן נאָר אויף גוטס טהון איטליכען, דער זאָלל זיך ערלויבען
פֿאר יענעמס געלד קויפֿען ברווידט אונ וואשען זיך דערצו אונ כענשען אי-
בער דעם? דאָס דארף דאָך איין עהרליכען מענשען וואָרגען אין האלז!".

„וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, — פֿרעגט איהם שלום—וואָס
הייסט יענעמס געלד? וויא האָט ער געלד? עס איז זיין געלד? מיר דאכט
אז ער אלליין איז אויך ניט זיינער. זייא זענין דענן אויך מענשען? איך
דארף אייך פֿיעל ניט זאָגען, איך פֿערשטעה אז איהר האָט געלערנט...

„איך פֿרעג עפּיס אנדערש: אז עס שטעהט אין דער תורה „לא
תגנוב" פֿאר וואָס שטעהט ניט אז בייא אַ גוי מעג מען יאָ! איז דעך אַ
סימן אז מען טאָר ניט גנבנין בייא קיין מענשען".

„דאָס הייסט אָבער גאָר ניט קיין גנבה. גלאט ער דארף מיר גע-
בען אַ שטייגער אַ קערבעל אונ גיט מיר דרייא, נאָ, בין איך מחויב איהם
צו זאָגען אז ער האָט אַ טעות, צו וואָס זאָלל איך עס טהון?

„נאָ, אונ ווען עס איז ניט קיין גנבה, זענט איהר זיך עוכר אויף
„לפני עור לא תתן מכשול", דאָס שטעהט גלייך אין דער תורה וויא „לא
תגנוב". היתכן? מיט וואָס דען וועלין מיר זיך בעריהמען, אז נישט דער-
מיט וואָס גאָטט האָט אונז געהייסען עהרליך האנדלען אקעגען מענשען?
אז איהר וועט פֿיעל דאווינען, לערנען, געהן אין מקוה אריין, אונ נאָך טוי-
זענד אזעלכע זאכען, טהוט איהר דערמיט קיינעם קיין טובה ניט, נאָר אייך
אלליין, איהר וויללט האָבען עולם הבא, איהר וויללט עססין פֿינ'ס לויתן,
טרינקען יין המשומר. אַ מענש איז דעך אָבער מחויב אָן דען אנדערן אויך
ניט פֿערגעססען, אונ דווקא אַ גוי קיין שלעכטס ניט טהון, חאָטש ער איז
פֿין איין אנדערן גלויבען, ובפֿרט מיר זיטצען אין זייער לאנד, דארפֿען מיר
זעהן, זייא זאָללען זיך אָבלערנען פֿין אונז מעשים טובים; ניט איך זאָלל
צונעמען יענעמס קערבעל, וואָס ער האָט אֶפּשר דארויף געהאָריוועט מיט
דען שוויים, אונ זאָלל עס אזוי גרינג אריינלעגען אין קעשינע אריין אונ
גאָר ניט איבערטראכטען, טאָמער איז עס ניט קיין יושר, עס איז חלעבען
אַ חילול השם, אונ מיר קויפֿען זיך דורך דעם פֿיעל שונאים, אונ מען

פערפאָלגט אונז בעשטענדיג דערפאר. זעניך זייא דען ניט גלייך - מענשען מיט אונז? עס שטעהט בייא אונז געשריעבען אז פרוממע גוים האָבען אויך אַ חלק לעולם הבא. הייסט זשע דען דער אַ פרוממער גוי וואָס צלמט זיך אַ סך? וואָס קניעט פיעל? מען מיינט, אז ער איז גוט און פרום צו מענ- שען ער בערעכענט יענעם גלייך מיט זיך. והוץ לזה זעהן מיר אזעלכע וואָס האָבען זיך איינגעוואָהנט אז טעות גוי איז מותר, און בייא זייא טעות יזד אויך מותר געוואָרען. נאָ וואָס מאכט ער מיך רייך, אז ער האָט אַ גרויסע באָרד, לאַנגע פאות, א גראָבען תפילין זאק און מיינט אז דערמיט פערענטווערט ער זיינע זינד. אָ, ניין! מיט דעם נאַרט ער נאָר אָב נאַרי- שע מענשען; ווער עס קוקט מיט אָפּפענע אויגען דער זעהט דען אֶמתי מענשען דארפען ניט זיין וויא הונד, וויא וואָלף, איינער דעם אנדערן זאָלל רייסען דאָס ברויד פֿין'ם מויל ארויס. גלייבט ער אן גאָטט, דארף ער גלייבען אז ער האָט איהם בעשאפען וועט ער איהם געבען זיין בעדער- פֿעניש. און גאָטט ניט טאקע יעדעם ווער עס וויל נאָר הארייוען און זיצט ניט פערלעגט דיא הענד, און וויפיעל ער האָט, דארף ער דערמיט צופריעדען זיין".

"פערשטעהט איהר מיין ליבער ר'—סה שמכם? — פרעגט שלום, אביסעל נעריהרט פֿין דיא רייד. „ערלער רופט מען מיך" ענטפערט יענער —„וואָס הייסט ערלער? דאָס איז אַ נאָמען"?— „דאָס איז ניט קיין נאָמען, נאָר אזוי רופט מען מיך בייא דער פאַמיליע".—„דיא פּאַמעליע— נאָ מהיכא תיתא—זאָגט שלום. פערשטעהט איהר ר' ערלער, דאריבער זיטץ איך מיר אין בית—המדרש און לערן און דאווען און טוה ניט קיין שום משא ומתן און מיין ווייב איז מיך מפרנס; וויל עס איז טאקע אביסיל פריקרע".—„נאָ—זאָגט ערלער—און אזוי איז שיין רעכט? וואָס פאר אַ קונץ בעווייזט איהר? דערמיט זענט איהר דעך גלייך—איך בעט אייך אי- בער—מיט אַ קוה. אדרבה, לאָמיך זעהן איהר זאָללט האנדלען און וואנד- לען, גאָר אָרדענטליך, אז דער פראָסטער מענש זאָלל זיך פין אייך אַבלער- נען. אזוי האָט ער אַ רעכט צו זאָגען: „גוט איז איהם צו זיין איין עהר- ליכער יוד, אז מען לעגט איהם איין אָבגעשעלט איי אין מויל אריין. לאָז ער זשע דארפען מפרנס זיין ווייב און קינדער וועט ער זיין אַ שווינדלער טאקע מיט דעם גמרא—קעפעל". צווייטענס, וויא שטעהט עס ערגיץ, אַז אַ ווייב דארף מפרנס זיין דעם מאנן? — „וואָס הייסט? — האָט זיך שלום אַ חאפ געטהון—עס דארף שטעהן? דער שכל איז מחייב: אז פין מצוות איז זיא פטור, וואָס זשע וועט זיא טהון אויף דער וועלט? דארף זיא איהם געבען עססען און טרינקען און ער זאָלל זיטצען און לערנען".

„ניין מיין פריינד—זאָגט ערלער—איהר פאסקיט אייך צופיעל צו. איך וואָללט געוואָללט איהר זאָללט מיר ווייזען, ווער פין אונזערע אָבות

האָט זיך אזוי ניהג געוועזען. עס שטעהט אין אונזער הורה: אז גאָטט האָט בעשאפען אָדם הראשון, אונ האָט געזעהן אז עס איז איהם שלעכט צו זיין אלליין, האָט ער געזאָגט: „אֶעשה—לו עזר כנגדו“ דאָס הייסט איך וויל איהם בעשאפען איינע וואָס זאָל איהם העלפען. אברהם, יצחק ויעקב, זענין דען אויך געזעססען אין בית המדרש אונ דיא ווייבער האָבען זייא מפרנס געוועזען? ווער שמיסט צווישען אונזערע תנאים געפינגען מיר א טהייל בעלי—מלאכות, אונ איך בין אייך ערוב, אז זייא האָבען אַוודאי קיין יוהר ניט גענוממען, האָטש אַ גוטער יור האָט בייא זייא דיא האנד דארויף ניט גענוממען, אונ האָטשע קינדער האָבען זיך בייא זייא געהאלטען. — געוויס דארף דאָס ווייב העלפען דעם מאנן: אז ער איז פּערנוממען אויף איין ארבייט אָדער ער געהט עפּיס האנדלען, וויא אין דער וועלט פיהרט זיך, זאָלל זיא דערווייל אויפרוימען אין שטיב, איהם צוגרייטען עססען, אָבהיטען דיא קינדער, זייא זאָללען ניט פּאללען, זייא צוואָגען, וואשען, אונ זאָלל זייא דערצעהלען וואָס מען מעג אונ וואָס מען טאָהר ניט: אז מען טאָהר ניט זאָגען קיין ליגענד, מען טאָהר יענעמס ניט צונעמען, מען טאָהר פין יענעם ניט שפּעטען, קיין רכילות ניט זאָגען, יענעם ניט מקנא זיין אונ נאָך דאָס גלייכען. אונ אז אַ קינד הערט אזעלכע רייד פין דער יוגענד אָן, בלייבט עס איהם איבער אויף עביג. פאַר וואָס וויל דען איטלעכער טהון אַ יוחס—שידוך? וואָס הייסט אַ מיוחס: מיר קלערען: אז דער טאטע מיט דער מאמע זענין אָרדענטליכע מענשען, האָבען זייא דאָס קינד געוויס אויך אזוי געלערנט. האָטשע היינט, אזוי וויא אללע זאכען זענין איבערגעקעהרט, מיט'ן קאָפּ אראָב, איז דאָס אויך איבערגעקעהרט; היינט קוקט מען נאָר אויב דער עלטער זיידע האָט געבענשט ווייבער, איז שוין דאָס אירענקעל אַ טהייערע סחורה, האָטש דער פאָטער אונ דיא מוטטער זענין דיא אָרגסטע מענשען אין דער וועלט, אונ דאָס עפּעלע פאללט ניט וויט פינ'ם ביימעלע. נאָר דערפין וועלין מיר שפּעטער שמיסען, לאָמיר זיך צוריקקעהרען צו אונזער שמים. הא? — יאָ! — אז דיא מוטטער מוז אָבער אוועקגעהן אויף אַ גאנצען טאָג זוכען פּרנסה אונ דער פאָטער איז אין בית המדרש, קען מען שוין פערשטעהן וואָס דאָס איז פאַר אַ שטוב. דאָס מיסט זאממעלט זיך משכב לשכת, קיין עססען איז נישט דאָ צו דער צייט. מילא דאָס בין איך אייך מוחל, מסתמא איז אייך אזוי ניחא. דיא קינדער אָבער! וואָס ווערד געבוך פין זייא? — דאָס קליינע וויינט אַ גאנצען טאָג אונ מאכט זיך קאליע דאָס געזונד; דאָס פאללט אונ צעברעכט זיך אַ פיסעל אונ בלייבט אומגליקליך אויף דעם גאנצען לעבען; דאָס עלטערע ליענט אין מיסט, אין אש, קיין מאָל ניט אָבגעוואשען, ניט אויסגעצוואָגען אונ ווערד פעראומרייניגט אזוי, אז מען היילט עס ערשט אויס דעמעלט ווענן מען דארף דערמיט אַ שידוך

טהון; אָדער עס זיצט אויף פּרעמדע פריזבעס און הערט מיאוסע הילז-
טאיסקי רייד פון עלטערע שלעכטע מענשען, וואָס זענין אויך אמאָל גע-
וועזען הפקר-קינדער, עס הערט ליגענער, שפעטערייא און רכילות, דאָס
לערנט זיך עס באלד אויס; און דאָס איז נאָר דאריבער ווייל דיא מוט-
טער איז נישט דאָ אין דער היים".

„גלייבט זשע מיר, ר' עדלער, עס איז גאָר ניט געוועגדט אין
דעם. איז נאָר איינעם בעשערט צו האָבען לייטישע קינדער, וועלין זייא
זיין לייט, און אז ניט וועט זייא ניט העלפֿען קיין פֿינף מאמעס און זיע-
בעצען טאטעס אָט בייא אונז אין ל... איז דאָ איינער, היינט איז ער
שוין אַ נגיד, נאָר פֿריהער איז ער געוועזען אַ משולח, ער פֿלעגט שטענ-
דיג ארימפֿאָהרען, נאָר צוווייא מאָל אין יאָהר איז ער אהיים געקומען,
אויף פסח און אויף ראש השנה. זיין ווייב איז אַ גרויסע שלימאזלניצע,
זיא ווייסט ניט מעהר נאָר עססען און זיטצען מיט אללע פֿיער אויף דעם
בעטט, און דיא קינדער זענין זיך געגאנגען נאָך זייער וויללען. אַ יונגעל
האָבען זייא געהאט, איז ער משונה פֿערשארט געוועזען און האָט ניט אָנגע-
הויבען וועללען לערנען, דערנאָך האָט ער זיך אריינגעלאָזט צווישען א חברה
דראביאקעס און האָט אָנגעהויבען זעהר מיאוסע-זאכען צו פֿיהרען, איך
ווילל עס גאָר פֿאר מיין מויל ניט ברענגען. א קיצור, איך זאָלל אייך
פֿיעל ניט בראיען, איין מאָל האָט ער פלוצים ניט געסטאיעט אויף עטליכע
טאָג; וואָס טויג עס אייך, מען האָט איבערגעקעהרט דיא וועלט נאָך איהם,
ער איז נישט דאָ! — דערנאָך איז געוואָרין א קלאנג, אז ער ווילל זיך
איבערקעהרען, רחמנא ליצלן! נאָר גאָטט האָט יאקאָס געהאָלפֿען, אז מען
האָט איהם אַהיים דערטאפט, פֿריהער דורך השם—יתברך'ס און דערנאָך
דורך דעם רבינ'ס הילף. נאָ איהר זאָגט עס; איהר זאָללט זעהן וואָס פֿאר
א פֿיינער יונגערמאן ער איז אצינד, וואָס פֿאר אַ שאָנעם שידוך דער
פֿאָטער האָט מיט איהם געטהון, מיט א גרויסען מיוחס, וואָס ער ריהרט
אָן דיא וועלט; און ער וואָהנט שוין עטליכע יאָהר מיט אַ ווייב און האָט
שוין מיט איהר צווייא קינדער, און דער פֿאָטער האָט אָן איהם נחת. וואָס
טויג עס אייך, איהר וועט דערפֿון לאכען, ער איז שוין גאָר אַ גאנצער
חסיד און גוטע-יודען קאָסטען איהם אַ כך געלד. גלייבט מיר, עס איז
גאָר ניט קיין סמן. און מיר זעהן ווייטער פונקט דען היפך, אז דער פֿאָ-
טער לאָגט דאָס קינד און האלט איהם דיא בעסטע מלמדים, און אז ער
ווילל ניט לערנען, העלפֿט איהם ניט קיין טאָטער און קיין דאָקטאָר, אז
איהם איז גאָר אין קאָפּ ליינען ביכליך, שרייבען לאטייניש און וויס איך
דאָרט וועלכע רוחות, וואס עס געהער גאָר ניט צו קיין יודען.... שלום
וואָללט זיך געוועזען ווייטער צעלאָזט, נאָר ער האָט זיך דערמאנט מיט וועז-
מין ער שמיסט, איז ער אביסיל מבויש געוואָרין און האָט זיך פֿערהיסט,

חאָטש עס האָט איהם גאָר ניט גערושעט. „הארט אויס, זאָגט ער ווייטער: נאָסט פּיהרט דיא וועלט אונ מיר וועלען שוין גאָר ניט איבערטאַבען“. —

ערלער האָט בייא זיך אין הארצען געלאַכט, ער האָט באֱמת ניט פֿערשטאַנען וואָס שלום האָט איהם דאָ אויסגעדרונגען; נאָר ער האָט איהם שוין מעהר ניט געענטווערט, ווייל דאָסביידעל האָט אָנגעהויבען אריינפֿאָרען אין שטעדטיל אריין, איז ער ציקאַווע געווען בעטראַכטען דאָס שטעדטיל. דאָ האָט ער בעגעגענט אַ יודענע אין אַ פּאָר שקראַבעס מיט אַ יונגליש קאַפּאָטקעלע אויף דיא אקסעל, וויא זיא טרייבט אַ געסטראָנאָזשעטע קיה אין טשערעדע אריין, אונ פֿערליערט אללע מאָל אַ שקראַב אונ חזירט זיך אין איין אָטהעם: הוידאַ דאָ טשערערע! הוידא! — אין שטעדטיל איז נאָך געוועזען גאַנץ רוהיג, אַ טהייל קלייטען זענין נאָך געוועזען פֿערמאַכט אונ מען האָט נאָך ווענינ מענשען געזעהן אויף דער גאַס; נאָר אין מיטען וועג אקענען דיא קלייטען זענין אריסגעגאַנגען צוויא יודען אהין אונ צוריק, איינער אין אַ חאַלאַט מיט פּאַנטאָפּעל אין אַ קאַלעכיג היטעלע אָנגעריקט אויף איין אויג, מיט אַ לולקעציבוק אין מויל; דער אנדערער מיט אַ טילעפיל מיט ווייסע שמיישליך, דען קאַשקעט פֿערריקט, אין איין האנד אַ גראָבען פּאַפּיראָס אונ מיט דער אנדערער דרייגט ער יענעם אויס עפּיס א געשעפֿט, אונ דער הערט זעהר אויפֿמערקזאַם. — נעבען איין קלייט איז שוין געזעסען אַ חלפֿנתע נעבען אַ טישעל מיט לייסטלעך אין אַ לייבעל מיט ווייס פּיטער אונ דארויף אַ שאל מיט רויטהע גראָדען, אונ אויפֿ'ם קאָפּ אַ שווארץ אטלעסען טיכעלע מיט גילדענע קוועטען, אונ האָט שוין גענעסען עפּעל מיט בייגעל, נאָר זיא האָט דערבייא געמאַכט אזא רחמנות־פּנים, גלייך עמיצער וואָלט זיא גענייט זיא זאָלל עססען. בייא דעם בילד האָט זיך ערלער צעלאַכט.

יחיאל האָט צעלאָזט דיא פֿערד, מחמת צווייא געוויסע טעמים: ערשטענס, מען זאָלל זעהן וויא גוט ער פֿאָהרט; צווייטענס, ווייל ער האָט שוין פּשוט געוואָלט אביסיל בראָנפֿען. אונ אזוי איז ער ראַפּטאָם אריין אין אַ טהויער אריין: „אַ נאַ, ראזאָם!“ האָט ער זיך צעשריגען צו דיא פֿערד, דאָס ביידעל האָט געטהון אַ סטוק, פֿריהער מיט דיא פֿערדערשטען דערנאָך מיט דיא הינטערשטע רעדער, איבער אַ פּלאַטווע, זענין זייא געוועזען אין הויז. דיא בעל־ביתטע מיט דיא קינדערליך זענין אללע ארויס פֿין דער שטיב, זעהען ווער עס איז געקוממען. יחיאל האָט אַ שטורך געטהון שלומען אין דער פּלייצע, אונ זאָגט: „נאָ קריך אראָב!“ — שלום האָט זיך געשווינד אראָב געחאַפּט, אז ער האָט אזש אַ טשעפּ געטהון אינ'ם טילופּיל, ער האָט באלד געבעטען אַ שפּילקע אונ האָט צוגעשפּילעט דען ריס; האָט זיך אָנגעהויבען וואשען אונ צוגרייטען צום דאווינען, אונ ערלער איז אריינגעגאַנגען אין אַ בעזונדער שטיבעל. —

3

# עדלער

עס איז צייט דען לעזער בעקאננט צו מאכען מיט עדלערן, ווער ער איז אונ וויהין ער פֿאָהרט.

עדלער איז געבוירען אין אַ קליין שטעדטיל אין וואָלין, זיין פֿאָטער מ. עדלער איז געוועזען אַ קאָממיססיאָנער, פֿיעל סוחרים האָבען געהאט צו איהם גרויס צוטרויען, ווייל ער איז ווירקליך געוועזען זעהר איין אָרדענטליכער מענש. ער איז געוועזען אַ פראָסטער פֿרוממער יוד, אונ האָט דאָס קינד זעהר יונג אוועקגעגעבען אין אַ חדר, וויא בייא יודען פֿיהרט זיך. אז מען האָט געזעהען דאַס קינד האָט אַ גוט קעפיל אונ לערנט פֿלייסיג, האָט ער באלד אָנגעהויבען הומש, אונ אין אַ קורצער צייט גמרא; דאָס קינד האָט אללעס פֿערנוממען. דאָס אנדערע הויז פֿין זייא האָט געוואָהנט אַ פּאָדראַטשיק איין עושר; דער האָט אויך געהאט אַ יונגעל אין דיא יאָהרען וואָס עדלער, צו דעם האָט מען געהאלטען לעהרער. מען האָט מיט איהם געלערנט רוסיש, דייטש, פֿראנצעזיש; אויך האָט ער געהאט אַ יודישען מלמד אין שטוב. דיא צווייא קינדער זענין געוועזען חברים אונ פֿלעגען זיך אָפֿטביידע שפּיעלען. עדלער האָט זיך זעהר מתקנא געוועזען אָן איהם, וואָס ער לערנט שפּראכען. איינמאָל האָט ער איהם געבעטען ער זאָלל איהם אויסשרייבען איין אַלבעצע, אויפֿ'ם אנדערן טאָג האָט ער איהן געשריעבען אויסענווייניג, דערנאָך האָט ער איהם געלערנט לעזען אין אַ ביכעל, דער האָט אללעס זעהר געשווינד איבערגענוממען. נאָר דער פֿאָטער האָט דערפֿין ניט געטאָהרט וויססען, ער האָט איהם איינמאָל דערזעהן האלטען אַ דייטש בלעטעל, האָט ער איהן געשלאָגען מכות רצח. אז עדלער איז אלט געוואָרין דרייצעהן יאָהר, האָט ער שוין זעהר גוט געלערנט. דער פֿאָטער איז אָבער געבליבען אָהן פרנסה, וויא עס פֿיהרט זיך אין דער וועלט דעם עהרליכען מאנן. שלעכטע מענשען האָבען געזעהן, אז ער האָט שאָן פרנסה פֿין קאָמיסיאָן, האָבען זייא זיך געלעגט אין דער לענג אונ אין דער ברייט אונ האָבען עס בייא איהם אוועקגענוממען. ער האָט שוין נעבוך ניט געקענט צאָהלען פֿאר דעם קינד קיין שכר—למוד, האָט ער איהן געלאָזט זיטצען אין בית—המדרש אונ לערנען אלליין, אָדער נאָך מיט איין אָרעם יונגעל. דאָ האָט שוין דער קליינער געהאט געלעגענהייט צו זיין אֶפּטער ביים חבר אונ צו האָרען וואָס מען לערנט מיט איהם. עדלער האָט אָבער פֿין ווייטען מעהר מקבל געוועזען וויא יענער פֿין נאָהנטען; דער פּאָדראַטשיק איז דעמעלט געזעסען אַ צייט אין דער היים, ער האָט עטליכע מאָל מיט דעם קינד געשמיסט, איז ער איהם זעהר

געפֿעללען, אויך אללע לעהרער און דער מלמד האָבען איהן זעהר געליעבט. איינמאָל איז דעם פּאָדראטשיק איינגעפֿאללען ער זאָלל בעטען ערלערס פֿאָטער ער זאָלל זיין קינד ערלויבען לערנען אין איינעם מיט זיין קינד. דער פֿאָטער איז דארויף בעשטאנען, נאָר מיט דעם תנאי ער זאָלל נאָר לערנען ביים יודישען מלמד און נישט קיין אנדערע לשונות. עס איז אָבער ניט אזוי געוועזען: ערלער האָט געלערנט אללע שפּראכען גלייך מיט׳ם חבר, נאָר ער איז פֿלייסיגער געוועזען פֿין יענעם. אזוי איז אוועקגעגאנגען אַ יאָהר דרייא, איז איהם דער פֿאָטער געשטאָרבען. איין אָרעמע קראנקע מוטטער מיט איין עלטערע שוועסטער זענין געבליבען אויף זיינע פּלייצעס, און דאָ איז נישט דאָ פֿין וואנין אַ טאָג איבערצוקוממען. דעם פּאָדראטשיקס וויב האָט אויף זייא גרויס רחמנות געהאָט און האָט איינמאָל ערלערן גע־וואָללט געבען עטליכע קערבליך, האָט ער זיך זעהר בעליידיגט געפֿונען דערמיט און האָט ניט געוואָללט צונעמען, ער האָט דאָרט אין שטוב כמעט קיין טרונק וואססער ניט געטהון. דיא נויטה טרייבט דען מענשען צו צייטען צו זיין גליק! וויא שלעכט ערלערן איז געוועזען, האָט ער דען מוטה ניט פֿארלאָרען, ער האָט געפֿיהלט אין זיך אז ער קען ניצליך זיין דער וועלט, נאָר אין דעם קליינעם שטעדטיל איז קיינער אויף איהם קיי מכין ניט. ער האָט לאנג ניט געטראכט און איז אוועק קיין ב... ער האָט אָבער דאָרט אויך דיא ערשטע צייט קיין האָניג ניט געלעקט: ער האָט זיך געמוטשעט און האָט גענעבען אַ שטונדע פֿאר 50 קאָפּיקעס אַ חודש; בייא איינעם האָט ער געלערנט מיט דרייא קינדער פֿאר טיש און קוואַ־טיר. דאָס מזומן האָט ער שטענדיג אוועקגעשיקט דער מוטטער, און אלליין איז ער געגאנגען קרוע ובלויה. אזוי איז אוועקגעגאנגען אַ יאָהר, דערנאָך האָט ער בעקומען שטונדען בייא עטליכע גרויסע נגידים, און האָט זעהר פֿיעל געלד פֿערדיענט, ער האָט באלד חתונה געמאכט דער שוועסטער און דיא מוטטער האָט ער אויסגעהאלטען וויא דיא גרעסטע נגידה. — דאָס איז נאָך אָבער אלץ וועניג. אין אַ צייט פֿין דרייא יאָהר האָט ער צונאויפֿ־געקליבען אַביסיל געלד און איז געפֿאָהרען מיט דער מוטטער קיין אויס־לאנד. עס האָט איהר אָבער דאָרט אויך קיינער ניט געהאָלפֿען, זיא איז צוריקגעקוממען קראנק, און ער אָהן אַ גראָשען, איז ער ווייטער אוועק־געפֿאָהרען קיין ב... זיין אַ לעהרער. אַ ק...ער עושר איז דערמעלט גע־וועזען אין ב... און האָט געזוכט אַ לעהרער צו זיך אין הויז אריין מיט אַ שאָן געהאלט, אויך טיש און קוואטיר, האָט מען איהם רעקאָמאנדירט ערלערן, ער האָט זיך מיט איהם אויסגעגלייכט און האָט שוין געוואָללט מיט איהם פֿאָהרען קיין ק... האָט ער ערהאלטען אַ בריעף, אז דיא מוטטער איז געשטאָרבען. דיא נאכריכט האָט איהם גאָר דען קאָפּ פֿער־שלאָגען. מען האָט דאָרט בעשריבען דיא רעד, וואָס זיא האָט פֿין איהם

גערערט פֿאַר'ם טוידט, אונ האָט זעהר געוויינט וואָס זיא קען זיך מיט איהם ניט געזעגנען.— ער איז געבליבען זיטצען שבעה אין ב... אונ אצינד פֿאָהרט ער קיין ק... אויף דער שטעללע.

4

# א יחוס שידוך

אין ווילל פֿיעל ניט בעשרייבען וויא עס איז צוגעגאנגנען אויף דער סטאנציע אין שטעדטיל. שלום איז באלד אוועק אין קלייזעל דאווינען, ער האָט דאָרט געקויפֿט תיקון, האָט געשמוסט פּאַטשטען אונ האָט זיך בערוהמט, אז ער האָט געהאט אַ ויכוח מיט אַ דייטשעל אונ השי"ת האָט איהם געהאָלפֿען אַז ער האָט איהן בייאנגעקומען.

עדלער האָט אָבגעדאווענט אונ עפּיס געגעסען, דערנאָך איז ער געזעסען פֿערטראַכט איבער'ם בריעף.

יחיאל האָט זיך אביסעל דורכגעדרימעלט נאָכ'ם ראָסעלפּלייש, אזוי איז אוועקגעגאנגען אַ שעה דרייא, דערנאָך האָט ער איינגעשפאנט, האָט ארויפֿגענומען דיא פערשוינען, אונ זייא זענין אוועקגעפֿאָהרען.

עטליכע ווערסט זענין זייא אָבגעפֿאָהרען, קיינער פֿין זייא האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. שלום האָט שוין אָבער לענגער ניט געקאָנט אויסהאַל־טען. ער איז נעקוממען אביסיל פֿייערינג פֿינ'ם קלייזעל, אונ האָט חשק געהאט זיך צוצעשמוסען מיט'ם דייטשעל אונ איהם ווייזען, אז דאָרט וויא תורה אונ יראת שמים, דאָרט איז שכל אונ אלצדינג. ער האָט זיך אַ רייב געטהון דיא הענד אינ פֿרעגט עדלערן: „וואָס איז ר' עדלער, וואָס זיצט איהר אזוי פֿערטראַכט, צו איהר וועט בעקומען אין ק... אַ כשר'ן אתרוג?"

„ניין— ענטווערט עדלער— איך טראַכט, אז איך וועל עפּיס קויפֿען בייא אייער ווייב, צו זיא וועט מיך ניט אָבנאררען".

„אָט— זאָגט שלום— וואָס ניצט אייך זאָגען אזעלכע זאכען. קיין יודען נאַרט מען נישט אָב, עס איז ניט אזוי דיא מעשה. גלייבט מיר אז מען טאָר ניט מלמד חוב זיין אויף יודען, עס שטעהט פֿאָרט בייא אונז: „ועמך כלם צדיקים". נאָר וואָס ניצט מיר דיא קאַטאָוועסליך. גערענקט איהר, איהר האָט עפּעס געזאָגט, מיר וועלען שפּעטער שמוסען?

„איך גערענק נישט".— ענטוועָרט עדלער.

איהר גערענקט ניט— זאָגט שלום— אז מיר האָבען געשמוסט פֿין אַ יוחס שידוך?— עדלער האָט פֿאַרשטאנען, אז דאָס מענשעל האָט זיך גוט אונטערגעגאַרטעלט ער זאָלל איהם ווייזען ווער עלטער איז, ער האָט זיך אָבער דערפֿאַר ווענינ געשראָקען אונ איז זיכער געווען, אז אַ־ קעגען אֶמת וועט קיינער ניט בעשטעהן, אונ זאָגט צו איהם: וואָס דאַרפֿט

איהר קלערען אַ סך, אֶפֿענט דיא אויגען און קוקט אייך גוט צו, וועט איהר אַלליין זעהן דעם אֶמת.

„וויא הייסט — זאָגט שלום — איך זעה טאקע דעם אֶמת. אז אַ יוד דאַרף זיך משדך זיין מיט שֶׁענע לייט."

יאָ, זאָגט עדלער, איהר זענט גערעכט. דאַרף איך דעך וועניגסטענס וויססען וועלכע הייסען שֶׁענע לייט. און איך מיז דאָך דעם קינדס תכלית אוין פֿערזאָרגען, ניט נאָר מיין כבוד. איהר וועט מיר ווייטער ענטווערין אז אַ מענש קען יענעמס תכלית ניט פֿערזאָרגען? לאָמיר זשע זעהן, אויב איהר זענט אַזעלכע מאַמינים בייא יעדער זאַך. מיר זעהן דעך אָבער, אז בייא דער מינדסטער זאַך קלערט איהר נאָך טויזענד מאָל און האלט אייך עצות און ווילט אייך ניט פֿערלאָזען וויא עס וועט בעשערט זיין. און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, השם — יתברך האָט דעם מענשען געגעבען אויגען און שכל ער זאָל אַלליין אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט, צווישען שאָן און מיאוס. וועט זיך דענן אַ מענש וואַרפֿען אין וואססער אריין און זאָגען: אז גאָט וויל איך זאָל לעבען וועל איך ניצל ווערען?

„חס ושלום — זאַגט שלום — אַ מענש טאָהר גאָר אַזוי ניט טהון. נאָך וואָס גלייכט איהר דאָס צו דעם?"

„פֿאַר וואָס איז עס נישט גלייך — פֿרעגט עדלער — סטאַטש, איהר נעמט אייער קינד און וואַרפֿט עס אויף הפֿקר, צו ליעב אייער שטיקעל כבוד. איהר ווילט פּאַקע האָבען שֶׁענע מחותנים — און וואָס בייא אייך הייסט שאָן! — איהר בעטראַכט גאָר ניט, טאָמיר מאַכט איהר אייער קינד אומגליקליך. דאָס איז נאָר דאַריבער, ווייל איהר האָט זיך אַלליין און אייער כבוד ליעבער וויא דאָס קינד. איך וועל אייך אויסווייזען, אז זייט דאָס קינד וועדט געבוירען, זוכט איהר דורך דעם קינד אייער אייגענע טובה. עס מעג זיין דער קלוגסטער פֿאָטער וואָס פֿערשטעהט גאַנץ גוט וויא און וואָס דאָס קינד דאַרף לערנען, עס פּאַסט איהם אָבער, עס זאָל לערנען מיט'ם גביר'ס יונגעל, ווייל ער שטרייכט זיך אָן איהם. דאָס קינד איז נאָך גאָר יונג, מען דאַרף עס נאָך לאָזען הוליען און קלויבען כוחות, עס זאָל קענען דערטראָגען דיא צרות אויף דער עלטער — ניין! — דיא מוטטער שרייעט שוין נאַגעוואַלט מען זאָל עס אוועקגעבען אין חדר, זיא קענן ניט אויסשטעהן פֿון איהם, ער שטיפֿט, ער שפּרינגט. זיא ווילל דאָס קינד זאָל באַלד זיין איין ערנסטער מענש, און זאָלל שוין פֿערשטעהן וועגן פֿרעהליך און וועגן טרוירינג צו זיין. לאַז זיא זיך דערמאַנען, אז זיא איז אין דער יונענד אויך פֿערשאַרט געוועזען און איהר מאַנן דערגלייכען. וואָרים וועגן דער מענש זאָל פֿון דער יוגענד אָן אַלערינג פֿערשטעהן, וואָלט ער ניט דערלעבט אַלט צו ווערין. זייא ווילן אָבער ווייזען, אז זייא זענין אַזעלכע בריות, אז בייא זייא ווערד געבוירען אַ פֿאָלנע מענש, עס שטעהט זייא אָן

וייער קינד זאָלל באלד זיין אַ למדן. ניט ווייל דורך דעם למדנות וועט ער אַמאָל גליקליך זיין— ניין! נאַר ווייא זאָללען זיך קעננען בעריהמען. מען פּערוויקעלט דען קליינען אין אַ טלית אונ מען טראָגט איהן אוועק אין חדר אריין. דיא מוטטער ווערד ברייטער וויא לעננער, סטאטש, אללע ווייבער זענין זיא מקנא. אין חדר וואלגערט ער זיך אַ גאנצען טאָג אויף דער ערד, אין מיסט, אין בלאָטע, צווישען אַ שאָק—קינדער. האָט איינער איין אויסגעשיטטען קאָפּ, קרעץ, טהיילען זיך אללע קינדער גלייך מיט דער מתנה. דערפּאר לערנט מיט איהם דער בעהעלפּער אללע טאָג פינף מינוט, ער קנייפּט איהן אונ דרעהט איהם גוט אָן דיא אויהרען אונ שלאָגט איהן טויד שלעג; דער גראָבער יונג מיינט אוודאי אז דאָס קינד דארף שוין האָבען זיין שכל.—

עס געהט איבער אַ צייט הייבט ער אָן חומש, דיא עלטערן מאכען אַ סעודה אונ קוועללען אָן פּאר הענוג. עס געהט זייא ניט אָן טאָמער מישטעט מען דאָס קינד איבער זיינע כוחות, אבי זייא האָבען תענוג. באלד געהט ער ארויס אויף גמרא, דאָ לייזט ער פעטש אונ קלעפּ וויפּיעל עס קריכט אריין, אונ חוץ לזה קלאָגט מען איהם אללע מאָל צו צום רבין אז ער זיצט ניט מיט דרך ארץ ביים טיש. וואָס איז דיא זינד? ער האָט ארויפגעלעגט דיא הענד אויפ'ם טיש, ער האָט אַ לאך געטהון ביים עססען צים שויעסטעריל—דערפּאר לייזט ער בעזונדער.

„זאָגט ושע מיר ר' עדלער, איך וועלל אייך עפּיס פרעגען—נישמער לאָז שוין זיין דערנאָך, איך וויל שוין פריהער אויסהערען אין גאנצען.

„פרעגט, פרעגט!—זאָגט עדלער.

„ניין!“ ענטווערט יענער, „דערנאָך.“

„נאָ, וויא האלטען מיר? --יאָ, דער קליינער לערנט שוין גמרא אונ ווייסט ניט פון זיין געזונד וואָס מיט איהם טהוט זיך. ער איז אויסגעדארט אונ בלייך וויא א מת, נאַר נישט דעם פּאָטער, נישט דיא מוטטער געהן אָן אזעלכע זאכען. מען גיט איהם שוין פראוודע אללע אין דער פריה אַ גלעזיל מילך מיט אומגעזאלצענער פוטטער, דערמיט וויל מען איהם געזונד מאכען!!! זייא הייבען שוין בעססער אָן צו טראכטען מיט איהם אַ שידוך טהון, זייא וויללען שוין האָבען נחת: זיא וויל זעהר אַ שניר זיא זאָלל האָבען מיט וועמין צו געהן אויף אַ מזל טוב, אונ ער וויל האָבען נעבען זיך אין מזרח וואנד נאָך איינעם מיט אַ טלית, ער האָט בלי זה נאָך אַ שטאָט, אַ שדכן שלאָגט אָן אַ שידוך אונ ווייזט זייא אויס עס איז זייא לכבוד. דאָס ערשטע פּרעגען זייא אויב דער מהותן קוממט ארויס פון שאָנע לייט, אויב ער האָט שאָנע מחותנים, צו האָט ער א שאָנע דירה, מיט וואָס ער האנדעלט. קורץ עס איז אללעס רעכט, אונ דיא כלה בלייבט

אויף דער מוטע״ס מבינות. זיא מיט דעם חתנס אַ באבע לאָזען זיך אוועק אָבארבייטען דאָס געשעפֿט.

מען קען זיך פֿאָרשטעללען, אז דאָס פּאָר ווייבער דערזעהן דעם מחותנס לאנגע פאות אונ אָ סך ספרים אין שטוב, אויך האָט ער איין אייגען שילכען, דיא מחותנתטע, איהרע טאָכטער אונ שניר טראָגען ניט קיין מושקעס אונ געהן אין טיכליך אויף דיא קאָפּ; דער כלה׳ס אַ באבע געהט אין אַ ברוסטוך אונ אַ יאמפערקע—זייא ווערין גאָר צוגעזאָטען, דיא צווייא באבעס זעטצען זיך באלד (אונטערהאלטען בעסעדיוווען) פֿין זייער יוחס וואָס איז נישט געשטויגען אונ נישט געפֿלויגען. איינע דערצעהלט אז איהר מוטער האָט אַמאָל געעפֿענט דיא טהיר צו שפוך חמתך האָט זיא אללייןגעזעהן ווייא אליהו הנב״א איז אריינגעקוממען; דיא אנדערע דערצעהלט: אַ גרויסער צדיק האָט זיא געבענשט זיא זאָלל דערלעבע משיח׳ן. עס מאכט שוין לחלוטין גאָר נישט אויס וואָס דיא כלה איז עלטער פֿינ׳ם חתן מיט פֿינף יאָהר, זיא האָט רויטהע האָר, גראָע אויגען, אַ ברייטע נאָז, אַ קליין שטירנדיל אונ איז אָבגעשיט מיט קלייען—זיא איז אָבער אַ בת־תלמיד־חכם, אונ דערצו ווייזט מען זייא איהר כתב מיט שאָנע ציקען, וואָס אַ שרייבער האָט אָנ־געשריעבען—אונזער חתן־בחוריל קענן נאָך קיין דרייא ווערטער יודיש ניט שרייבען. דיא ווייבער קוממען אָבער צוריק זעהר צופֿריעדען, זייא קעננען זיך גאָר ניט אָבלויבען, עס בלייבט עס זאָלל זיין אַ שידוך. מיט עטליכע טאָג שפעטער קוממט איין איידעם פריווען דעם חתן. דער זאָגט איהם איין אויסגעשטעלט שטיקעל גמרא, ער בעקוממט אַ קניפּ אין בעקעל אונ עס ווערט אַ שידוך. דער מחותן הייבט באלד אָן שרייבען מען זאָלל החונה מאכען, וויל דיא כלה איז שוין צייטיג. מען דערציהט קוים דיא חתונה ביז דער בר־מצוה, דיא עלטערן האָבען ווידער תענוג פֿין דער גדולה זייא געמען דאָס פּאָר פּאָלג צו זיך אויף קעסט. עס געהט אוועק אַ צייט, ער שלאָפֿט אונ רייכערט לולקע גאנצע טעג אין קלייזעל אונ נעמט צו כיסלעך בראָנפֿען. ער איז שוין געוועזען בייא אַ רבין אונ איז צוריקגעקוממען אָהן דער אטלאסינער קאפּאָטע; אַ בריח האָט ער שוין אויך געמאכט. דיא מוטטער האָט אַפֿילו תענוג פֿינ׳ם עניקעל, זיא קענן אָבער ניט הויזען מיט דער שניר. יענער מחותן האָט קיין קעסט ניט צוגעזאָגט אונ איז טאקע אַ געמיינער מאנן. בקיצור זייא מוזען אראָב פֿין קעסט. דאָס ביסעל געלד וואָס דער פֿאָטער האָט איהם געגעבען (וויל דער שוועהר האָט נאָר געגעבען ספרים אונ אביסיל פעריל) דיא עטליכע קערבליך ווערין אללע מאָל וועניגער, וויל ער ווייסט ניט וואָס מיט זייא צו טהון. דער פֿאָטער האָט איהם שוין פֿינ׳ם קאָפּ אראָבגעוואָרפֿען, ער האָט נאָך קינדער צו פֿערזאָרגען; ער איז נאָך אויף איהם אין כעס, וואָס ער איז אַ שלימזלניק. דאָס ווייבעל האָט ער פֿיינד, ער האָט שוין אָבער

דריטהאלהען קינדער און איז אַ קראנקער מענש. ער נעמט זיך פֿאַר צרות צום טרינק, און דאָס ביסעל יאָהרען וואָס ער לעבט וועט ער פֿערשוואַרצט און נאָר איבער זיינע עלטערן. דאָס קוממט מיר פֿאַר וויא דער קאָמעדיאַנט נעמט זיין קינד, ער מוטשעט עס און צעברעכט איהם איט־לעכס ביינדעל, ער זאלל קעננען מאכען קינצען און זוכט זיך דורך דעם פרנסה—און זייא זוכען דורך זייער קינד כבוד און הענוג, זיין תכלית פֿער־געססען זייא כלל. דאָס לערנען איז ערשטענס אַ שאלה צו ער וועט קענ־נען, און אז ער וועט שוין יאָ עפּיס קעננען, וועט ער דען דערמיט מפרנס זיין ווייב און קינדער? אמת אז אַ יוד דאַרף זעהן זיין קינד זאָלל קיין עם הארץ ניט זיין, ער מוז איהם אָבער אויך פֿערזאָרגען מיט הכליה זאכען, ניט זאָגען אז עס וועט איהם בעשעהרט זיין... גלייבט מיר, איך קען אזוינע מענ־שען וואָס זענין שונאים זייערע עלטערן, וואָס האָבען זייא ניט געלערנט עפּיס אַ מלאכה אָדער לשונות, ניט דווקא ער זאָלל ווערין א פֿהילאָזאָף, אָדער אַ גרויסער געלעהרטער, נאָר ער זאָלל עפּיס קעננען שמוסען מיט מענשען, איבערלעזען אַ קוויטיל, עס זאָלל איהם נוטצען צו זיין פרנסה. און וויפֿיעל מאָל טרעפֿט זיך אז איינער ווערד אומגליקליך אז ער חתמים זיך אויף א פאפיער און ווייסט ניט וואָס דאָרט איז געשריעבען, אָדער ער נעמט א קאָנטראַקט בייא אַ פּריץ אַ שווינדלער און ער שרייבט איהם דאָרט אָן וואָס ער וויל, און דערנאָך העלפֿט איהם ניט דערצו קיין זאך און ער ווערט בדלית אין דעם מסחר. און צום יודישקייט דאַרף עס דאכט מיר אויך ניט שאַדען; אַ סימן אז מיר זעהען אזעלכע וואָס קעננען זיך ניט חתמינן און קעננען ניט אַ וואָרט גויש רעדען און עס העלפֿט זייא ניט צו דער עברי, — ראווינען קעננען זייא ברוך השם אויך ניט.—

נאָ ר' שלום! וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען זאָגט. וועט עס זיין גליך און רעכט וועלל איך אייך מודה זיין.

דאָס ביידעל איז געבליעבען שטעהן נעבען אַ קרעטשמע אויסרוהען דיא פֿערד, ווייל עס איז זעהר פאַרנע געוועזען און יחיאל האָט נביאות געזאָגט, אז עס וועט זיין אַ רעגען. נאָ זאָגט עדלער: דאַ וועלין מיר זיך, אביסיל אָבקיהלען, און דערנאָך ר' שלום וועל איך אייך אויסהערען. זייא זענין אללע אראָב פֿינ'ם ביידעל. עדלער האָט פֿערדייכערט אַ פאפיראָס און האָט זיך אנידערגעלעגט אונטער אַ בוים אויפֿ'ם גראָז און שלום איז אריין אין קרעטשמע.

5

# ביידע זענין גערעכט!

זייא זענין נאָר אוועקגעפֿאָהרען פֿין דער קרעטשמע האָט שלום אָנגע־געהויבען: מילא א טהייל זאכען, ר' עדלער, זענט איהר אפשר אי גע־

רעכט. איך וועל אייך אָבער פֿרעגען איין זאך: איהר זאָגט אַ שטיינער: צו וואָס ער גיט דאָס קינד אין דעם הדר, אונ איהר שפעטט פֿינ'ם חדר. זאָגט זשע וואָס דען איז גלייכער? ער זאָלל איהם אָבגעבען אין דיא שקאָלעס אריין אונ זאָלל איהם כאלד מאכען פֿאר אַ משומד? ער זאָלל אֲפִילוּ ניט וועללען דאווינין? איהר ווייסט דען ניט אלליין דעם אֱמת, לאָמיר זיך ניט נארין, וואָס ווערד פֿין דיא קינדער וואָס געהען אין שקאָלע—איך שמים שוין ניט וואָס דאָס יודיש לערנען ווערד בייא איהם אַ טפל, ווייל דער עיקר לערנען איז דאָרט אנדערע לשונות—ער ווערד זיך דאָרט כמעט אויס יוד רחמנא ליצלן! קיין דאווינין, קיין וואַשען, קיין בענשען; אונ עס איז גאָר קיין הידוש ניט; ער האָט זיך דענן ניט פֿין וועמין אָבצולערנען? אז דיא לעהרנערס אלליין גאָלען זיך דיא בערד אונ געהען אָהן ציצית אונ נאָך אזעלכע זאכען. איך דארף אייך ניט אויסרעכנען, איהר פֿערשטעהט ברוך השם איין עֵסק. נאַ, אונ דאָס קינד לערנט זיך אָב דיא אללע מדות. גלייבט מיר, איידער מיין קינד זאָלל זיין אין דיא שקאָלעס זאָלל איך עס בעססער ניט דערלעבען. וחוץ לזה האָט ער כאלד פֿיינד אַ יודען אונ שפעטט פֿין זיין אייגענעם טאטען. נעהייא וואָלט איך געזעהן אז דיא לעהרַ= נערס זאָללען אכטונג געבען אויף דיא קינדער, זייא זאָללען דאווינין אונ זייא געבען צו פֿערשטעהן אז מען דארף מורא האָבען פֿאר גאָטט. ער אלליין מעג זיך זיין אין הארצען וואָס ער ווילל, בין איך איהם שוין מוחל, לאָז ער זשע חאָטש ווייזען פֿאר דעם קינד אז ער דאווינט אונ געהט אין ציצית אונ גאָלט ניט דיא באָרד אונ האָט ליעב אַ יודען אֲפִילוּ ניט קיין פֿראנצויז; אז דאָס קינד זעהט אָבער פֿין איהם דיא אללע זאכען אונ הערט וויא ער רופט אַ פּראָסטען יודען זשיד, מיינט דאָס קינד איין אָמת, אז מיר זענין גאָר קיין מענשען ניט. אונ ווייטער קענן דען דיא גאנצע וועלט זיין לעהרנערס אָדער קאזיאָננע רבנים? אנדערש קענן מען שוין קיין ליטישער מענש ניט זיין? אונזערע טאטעס אונזערע זיידעס האָבען ניט געוואוסט פֿין קיין שקאָלעס, פֿין דעסטוועגען האָבען זייא אויסגעפֿיהרט דיא וועלט, אונ האָבען חתונה געמאכט קינדער. האָט קיין פֿעראיבעל ניט, ר׳ ערלער, וואָס איך האָב מיך אזוי צערערט. איך זאָג מיר וויא מיין שכל טראָגט.

פֿערקעהרס—ענטווערט ערלער—אין אַ טהייל זאכען זענט איהר זעהר גערעכט; נאָר איהר זענט אליין שולדיג אין דעם. נאָר לאָ- מיך הערען ווייטער. — „נאָר מיר זענין שולדיג—זאָגט שלום אביסעל מיט פֿערדראָס—נאָר מיר זענין שולדיג! פֿאר וואָס זאָג איך אייך ניט אז איהר זענט אומגערעכט אקעגען דעם וואָס איהר זאָגט, אז אַ יוד ווילל פּאקי דאָס קינד זאָלל כאלד האָבען זיין שכל אונ זאָלל באלד זיין אַ למדן אונ טהוט עס נאָר פֿין זיין כבוד וועגען, אונ נאָך דאָרט אזעלכע זאכען וואָס

איהר זענט אֶפשר טאקי גערעכט. היינט דאָס איז אויך ניט אזוי דיא מעשה, וואָס איהר זאָגט אז ער מאכט איהם כאלד חתונה און פֿערזאָרגט ניט זיין תכליה און דיא כלה איז פאק, ווייס איך וויא אזוי—דאָס איז אֶפשר אמאָל אזוי געוועזען, היינט איז שוין דיא וועלט קלוגער. עס האָט בייא אונז אַ גוטער יוד געוואָללט חתונה האָבען, האָט ער אויך געוואָללט אַ יפה—תואר; און ווען איינער וויל זיך אזוי, לאָז ער זיך טהון אזוי. גלייבט מיר אז גאָטט פֿיהרט דיא וועלט און מיר וועלין זיא שוין ניט איי־בעראנדערשען"—„אֶמת, ר' שלום—זאָגט ערלער—אז גאָטט פֿיהרט דיא וועלט. דאָס וועט איהר אָבער אויך ניט לייגענען, אז דיא בחירה האָט גאָטט געגעבען דעם מענשען, ער זאָלל טהון וואָס רעכט, ניצליך און גוט איז. דאריבער איז מיין מיינונג אז דיא שולען זענין זעהר אַ גוטע זאך, און עס איז אַ גליק פֿאר דעם קינד וואָס לערנט דאָרט. בערעכענט אייך נאָר, אז דאָס יונגעל וואָס ענדיגט דיא קליינסטע שולע פֿערשטעהט שוין פֿיעל זאכען וואָס נוטצען איהם צו דער וועלט; ער קענן שוין אביסעל שרייבען יודיש, רוסיש, דייטש, און קענן אביסיל רעכנען, ער קענן שוין רעדען מיט אַ גוי. היינט וויפֿיעל איז ווערטה, אז ער האָט קיין מורא ניט אריבערצוטרעטען בייא נאכט איבער דער שוועל. ער שרעקט זיך ניט פֿאר דעם קוימענקעהרער; קורץ, ער איז שוין אַ שטיקעל מענש. וויל ער ווייטער שטודירען אין דיא גרעססערע שולען איז מה טוב, און אויב ניט, קענן ער ווערין אַ בעל מלאכה, אַ סוחר, אַ מעקלער, וועט איהם געוויס ניט שאדען וואָס ער האָט עפּיס געלערנט און וועט געוויס זיין מעהר לייט זויא איין אנדערער. גלייבט מיר, ווען אונזער מורה הוראה זאָלל פֿער־שטעהן אביסיל רוסיש רעדען און שרייבען, וואָללט אוודאי פֿאר אונז יודען שאֶנער און בעססער געוועזען".

„מילא אקעגען וואָס דארפֿט איהר עס מיר אויסדרינגען—פֿרעגט שלום—איך פֿערשטעה דען ניט אלליין, אז עס איז זעהר גוט אלדינג צו קעננען? איך שמוס אָבער פֿין דיא לעהרנערס, וואָס דיא קינדער לערנען זיך אָב פֿין זייא אללעם בייז. זאָג איך: איך וויל ניט זייער האָניג און ניט זייער גיפֿט".—„הערט זשע—זאָגט ערלער—איהר וועט ווידער ברוגז זיין, אז איך וועל אייך זאָגען אז איהר האָט רעכט, נאָר איהר זענט אלליין שולדיג אין דער זאך. גלייבט מיר, וואָלט איהר אָנגענוממען דיא שולען כלם כפה אחד און אללע קלאססען מענשען זאָללען געבען זייערע קינדער, וואָלטען אוודאי דיא לעהרער אייך אלצדינג צו ליעב געטהון: זייא וואָל־טען געדאווינט און געגאנגען מיט בערד און נאָך דעסטגלייכען, ווייל זייא וואָלטען געוואוסט אז זייער מיה אין שולע איז ניט אומזוסט און דיא קינדער וועלין זייא אמאָל כבוד מאכען. זייא וואָלטען זיך באָדייא פֿער־שטעללט פֿאר חסידים אבי איהר זאָללט אללע געבען דיא קינדער. אויך,

ניט אויף דעם אופֿן וואָס איהר מיינט, אז דער לעהרער דארף נאָכגעהן דעם קינד וויא אַ בעהעלפֿער און וואָס פאר אַ שטות דאָס קינד טהוט בייא דער מוטערס פֿארטוך דא־ף דער לעהרער שולדיג זיין. איהר זענט געוואָהנט איהר זאָללט דאָס קינד אראָבוואַרפֿען פֿינ'ם קאָפּ, עס זאָלל אויסוואקסען וויא עס וועט איהם בעשעהרט זיין. ניין, מיין פֿריינד! דעם לעהרערס זאך איז, דיא צייט וואָס דאָס קינד איז אין שולע זאָלל ער מיט איהם לערנען, און זאָלל מיט איהם רעדען און איהם געבען צו פֿערשטעהן, וויא אזוי אַ מענש דארף זיך אויפֿפֿיהרען. דערנאָך, אז דאָס קינד קוממט אַהיים, איז שוין דער פֿאָטער, דיא מוטטער מחויב אויף איהם אכטונג צו געבען, ער זאָלל ווידערהאָלען דיא לעקציאָן, ער זאָלל זיטצען שטילל, ער זאָלל בענשען, דאווינען און לערנען אנדערע זאכען וואָס מען לערנט אין שולע. אז איהר גיט אָבער אָב אין שולע אריין עטליכע אָרימע קינדער וויא פֿאר אַ קרבן, אי דאָס, ווייל דיא פֿאָטער קעננען קיין שכר־למוד ניט צאָהלען, און אבי ער גיט איהם אוועק פֿין דיא אויגען פֿערגעסט ער אָן איהם, דיא צייט וואָס ער זיצט אין שולע זיצט ער אוודאי שטילל, רוהיג; קוים געהט ער אָבער ארויס פֿין דאָרט, טהוט ער וואָס זיין הארץ גליסט. אזוי ווערד ער אַ הפֿקר—בחור און ווערד אויסגעלאסען. נאָ ווער איז דאָ שולדיג? דער פֿאָטער צו דער לעהרער? איהר האָט דארויף גוטע סימנים: קוקט אָן, אז עס געפֿינען זיך אין אַ טהייל שולען קינדער וואָס האָבען לייטישע עלטערן און גיבען אויף זייא אכטונג און לאָזען זייא ניט וואקסען וויא עס וועט בעשער־ט זיין; לער־נען זייא אוים דיא שולע און זענין דערנאָך פֿיינע אָרדענטליכע יונגע לייט. למשל, אז איהר וויללט האָבען אַ שאָן שטיקעל מעבעל, אָדער זילבער, פֿאל־ט עס אייך דען פֿינ'ם הימטעל אראָב, אָדער איהר הארט עמיצער זאָלל עס אייך שענקען? — איהר מוזט דערצו צולעגען אביסיל טרחא און מי: איהר זאָללט עס בעקוממען, און אַמאָל העלפֿט אייך דאָס אויך ניט; און אַ קינד וויללט איהר עס זאָלל אייך אויסוואקסען גוט און פֿרום און געלערנט, איהר זאָללט נאָר דערבייא קיין שום טרחא ניט צולעגען? דאָס איז אַ שווערע זאך! אז איהר וועט ניט אקערן און פֿער־זעען, וועט ניט וואקסען. היינט וואָס איהר האָט אַ פראָטענציע וואָס דער לעה־ער רופֿט אַ פראָסטען יודען ושיד—דאָס איז נאָר דאריבער ווייל ער ווייסט, אז איהר זענט איהם אַ שונא אויף דעם לעבען, איהר רעדט אייך איין אז אַ דייטש מענט איהר אלצרינג טהון און עס איז קיין עבירה ניט; איהר האָט אויף איהם קיין רחמנות ניט, ער זאָלל זיין אים גרעסטען אומגליק.

„נאָ, און דיא ־ייטשען האָבען אונז זעהר ליעב" ? פֿרעגט שלום.

— זייא האָבען אייך ניט פֿאר וואָס ליעב צו האָבען, ווייל ליעב האָט מען נאָר אַ גוטען פֿריינד; אָבער קיין שונאים זענין זייא אייך ניט, דאָס

וועט איטלעכער מורה זיין. מיר זעהן ווען אַ רייכער דייטש איז א בעל צדקה וועט ער געבען א נדבה איין אָרימען חסיד גלייך וויא איין אָרימען דייטש, אונ אֶפּשר דעם חסיד נאָך ניכער, ווייל ער ווייסט אז דער דייטש וועט זיך נאָך פּאָרט איין עצה געבען אויף דעם שטיקעל ברוידט. לאָמיר זשע זעהן פערקעהרט, צו וועט אַ רייכער חסיד רחמנות האָבען אויף איין אָרימען דייטש? ער זאָל בפירוש ווייסען אז ער שטארבט פאר הונגער? לאָז מען זאָגען אַ דייטש אז דער אונ דער חסיד איז געפעהרליך קראנק, אָדער ער האָט עפּיס איין אומגליק, וועט עס איהם אוודאי אָנחאפּען ביים הארצען אונ ער וועט איהם אוודאי זשאלקיווען; אונ ווען דיא אייגענע זאך טרעפט זיך פערקעהרט, וועט דער חסיד לאכען דאָס גרעסטע געלעכטער אונ וועט נאָך זאָגען אוי איהם מיאוסע ווערטליך: „אַ שאָנע כפרה, וועט זיין וועניגער אַ משומד אויף דער וועלט“! גלייך ער געהט ארים אויף זיין וועלט. —

„זאָגט זשע, ר׳ ערלער, איך בעט אייך איבער, איז ער דען ניט גערעכט, אז ער האָט איהם פיינד דערפאר וואָס ער געהט ניט בדרך הישר“? —

„ער איז אוודאי ניט גערעכט—ענטווערט ערלער—ווייל ער וועט פאר איהם ניט אָבקוממען“.

„סטאטש—פרעגט יענער—עס שטעהט זיך פאָרט בייא אונז „כל ישראל ערבים זה בזה“. —

„הערט אויס, ר׳ שלום, וועט מען אונז נאָך שמייסען פאר דעם אָרבה, מענט איהר גאנץ זיכער זיין אז דיא דייטשען וועלין לייזען מעהר שמיץ פין דיא אנדערע. — נאָר צום אֱמת, ליעגט עס אין דעם טענשענס נאטור, אז איטליכער ווילל זיין דער וואָילער אונ ווילל אללע זאָללען איהם מורה זיין אז אזוי וויא ער פיהרט זיך איז פונקט גוט, אונ אללע זאָללען איהם נאָכטהון: דער חסיד ווילל דערוויזען, אז ער איז דער חכם; דער פראָסטער בעל—בית מיינט אז ער מאכט עס נאָר מיט דעם קנאק, ער איז יוצא אללע דעות, ער איז ניט קיין חסיד אונ האָט ניט קיין בעזונדערן רבין, נאָר געלד גיט ער אללע גוטע יודען, אונ פין דעסטוועגען זאָגט ער אויף זייא ווערטליך אונ לאכט פין זייא דאָ וויא עס טויג איהם — נאָ, מעג דאָך דער דייטש מיינען אז ער איז דער פיינער מענש, ער נארט קיינעם ניט אונטער מיט זיינע הנהגות, אונ וויא אזוי ער איז אין הארצען אזוי ווייזט ער זיך ארויס. מילא וויא אהין קוממט דאָ שנאה אונ כעס? בעטראכט אייך אלליין, נאָר נארט אייך ניט, וועט איהר פערשטעהן אז עס איז אזוי. דער מענש ווערד אָבער אזוי געוואָהנט שטענדיג יענעם צו נארען, ביז צולעצט נארט ער זיך אלליין. — איך וועל אייך ווייזען, אז מיר שמיסען שוין יאָ פינ׳ם ערבות—וויא טהייער פאָרט וועלין דיא דייטשע

לייזען דערפֿאר וואָס זייא דערלאַזען, מען זאָלל טרינקען בראַנפֿין אין אַ מקום קרוש? היתכן, וויא איז דאָס געהערט. מענשען זאָללען טהון דאָס איינענע אין אַ מקום קרוש וואָס מען טהוט אין אַ שענקהויז? מען טרינקט בראָנפֿין, מען שמיסט; אז איינער האפט איין איבריג ביסיל, לעגט ער זיך שלאָפֿען אויף דער שפיגעל באנק פונקט אקעגען אָרון קודש. היינט וואָס טרעפֿט זיך ניט אַ מענשען אין שלאָף, וכפרט אז ער האָט נאָך אביסיל משקה אין קאָפּ. — נאָר לאָמיר דע־פֿין מעהר ניט רערען. גלייבט מיר, עס זיערט אין מיר דאָס הארץ, אז איך דערמאן מיך אָן דעם.

נאָך דע״ מעשה איז שלום געבליעבען זיטצען וויא פֿין אַ דונער־דערשלאָגען און האָט אַ גרויסען זיפֿץ געטהון און זאָגט צו ערלערן: הערט אויס! עס איז אַ פאסקודנע וועלט, אַ פֿאלשע וועלט, איך זעה ניט אז צווייא מענשען זאָללען גלייך זיין און זאָללען זיך ליעב האָבען. איך וועל אייך ווייזען טאקע דיא דייטשען צווישען זיך רייסען זיך דען ניט וויא דיא קעץ אינ רערען אויס דיא גאל איינער אויף דעם אנדערן? אָט ערשט האָט איינער דעם אנדערן אָבגעטהון אַ שפיצעל אז דיא קישקעס זענין איהם שיר ניט ארויס, און באלד שפיעלט ער מיט איהם ווייטער אַ פּאָ־ליטיקע און קושט זיך מיט איהם אין דיא פיסקעלעך, וויא איינער האָט געזאָגט: „אַ קיש אין מויל און אין הארץ אריין א קויל". איך בין טאקע אַ בית—המדרשניק, פֿין דערסטוועגען בין איך אביסיל געניט אין דער וועלט. היינט האָבען זייא דאָך אַ מעלה—איך בעט אייך איבער ר׳ ערלער, איך מיין ניט חלילה אייך, איך זעה אז איהר זענט איין אנדערער מענש—קוממט איינער צום אנדערן אין שטוב אריין, דאכט זיך ער נעמט איהן שאָן צו און געהט איהן בעלייטען־ביז צו דער טהיר, טרעט יענער נאָר אריבער דיא שוועלל, שפעטט ער איהם אָב פֿין קאָפּ ביז פֿוס. האפט זיך איינער ארויס מיט אַ נארישקייט, וועט איהם דער אנדערער ניט זאָגען: אָט דאָס זאָג ניט, אָדער דאָס טהוא ניט: ניין!—מען האפט עס אויף און מען צעטראָגט עס אויף דער וועלט, און דערנאָך איז מען ווייטער פאניבראטשע. דאָס איז אויך נאָר ווייל איטלעכער מיינט, אז ער וועט פֿין יענעם מאכען אַ הל, וועט ער בלייבען דער פֿיינער מענש; דערוויל פֿאללען אללע אויף דעם איינענעם שכל און האָבען אללע אַ פנים וויא הזזק.—

אֶמת, זאָגט ערלער, אֱמת, איהר האָט רעכט, איך וועל אייך ניט לייגענען, אַ טהייל האָבען טאקי אזא טבע, און דאָס איז טאקי דאָס גאנ־צע אומגליק צווישען מענשען, וואָס איטלעכער וויל נאָר ער אלליין זאָלל גילטען. איך וועלל אייך ווייזען אַ שטייגער, אין איטלעכער שטאָדט זענין דאָ נגידים. נאָ, שטעללט אייך פֿאָר ווען זייא זאָללען זיין גוטע מענשען און זאָללען זיך צונאויפֿנעמען אללע אין איינעם, וואָס וואָלטען זייא ניט געקעננט טהון לטובת הכלל? וויפֿיעל אומגליקליכע מענשען וואָלטען זייא

געקעננט אויף דיא פּיס שטעללען ? אונ זייא זאָללען בלייבען דיא איינענע נגידים! — אז איטלעכער טראכט אָבער נאָר פאר זיך אונ פאר זיין נאריש־שען כבוד, אונ ווען איינער וויל שוין עפיס יאָ טהון לטובה הכלל — עס מעג זיין צוליעב זיין כבוד, אלץ וועט ארויסקוממען אַ טובה פיעל גע־מיינע לייט — דער אנדערער פערגיננט איהם אָבער ניט דעם שם טוב; וואָלט איך איהם געגעבען איין עצה דערצו: טהוא דוא נאָך אַ גרעססערע זאך לטובת הכלל, וועסט דוא האָבען מעהר כבוד אונ אַ גרעססערן שם אזא געשיפּט שמעקט דאָך אָבער מיט נעלד, אונ דארויף איז ער קיין באלים ניט, ער גיט זיך בעססער איין אנדערע עצה: ער איז דאָך רייך, האָט ער וויא געוועהנליך אַ סך מענשען וואָס חנפנין זיין קאססע־קאסטען, הייבט מען אָן אונטערגראָבען דיא זאך, עס זאָלל ניט אויסגעפיהרט ווע־רען — יענער רעכט זיך גאָר ניט אויף אזא מעשה — פּליצלינג ווערד עס אין גאנצען איבערגעקעהרט אונ אויף דעם איז אַ שמחה, ער האָט איהם עוויזען ווער עלטער איז. — ווייסט איהר ר׳ שלום, צו דעם אַ רפואה? טאקע ווידער דאָס איינענע וואָס מיר האָבען געשמיסט, טאקע נאָר ביל־רונג, נאָר לאָזען אונזערע קינדער לערנען, געהן אין שולען, דאָס איז דאָס איינציגע מיטטעל צו דער קראנקהייט. איך וועל אייך ווייזען, אצינד איז שוין נישט דאָס וואָס איז געוועזען צוריק מיט עטליכע יאָהר, ווייל אַ טהייל נגידים זענין שוין, מעהר אָדער וועניגער, אויסגעבילדעט, אונ זייערע קינדער זענין שוין מייסטענטהיילס געבילדעט אונ אויפגעקלערט, אזעלכע מענשען וועלין נאָר דיא קאָפּ ניט לעגען אויף אזוינע שטוטשקעלעך. צוויי־טענס קענן איך אייך פערזיכערן אז אַ געבילדעטער יונגער מאן, וואָס האָט אַ פען אין דער האנד קען פיעל מעהר טהון לטובת הכלל וויא דער גרעסטער גביר.

„עס דאכט זיך אייך אזוי — זאָגט שלום — מיט ביקסען אלליין וועט איהר פאָרט ניט מלחמה האלטען, איהר מוזט האָבען פילווער, שרויט — מען מוז אָנקוממען צום נגיד נאָך דיא עטליכע גולדען״.

„אָט! ענטוועהרט עדלער כמעט מיט כעס — רעדט ניט קיין נארישקייט; מיר אללע געמיינע לייט זענין מיר רייכער פון דעם נגיד. גיט אונז נאָר געבילדע־טע יונגע לייט אונ לאָז צווישען אונז זיין אחדות וועלין מיר אללעס מאכען.

„האָט מיר קיין פאראיבעל ניט ר׳ עדלער, וויא אזוי זאָלל זיין אחדות צווישען יודען, אז דאָס גדלות אין היינטיגער וועלט איז חוץ לדרך הטבע, בעקוממט נאָר איינער עטליכע קערבלעך איז שוין ניפּרעסטופּי! איך זאָג אייך דעם אמת, דיא וועלט קלאָגט זיך אויף דיא פריצים; וואָס איז פאק — אז עס קוממט צו איהם אַ יוד ער לאָזט ער איהן שטעהן בייא דער טהיר. מילא ווייס איך האָטשע איין מאָל פאר אללע מאָל „גוי עז פנים״ אונ גענוג, אָדער איך רעכען איך וועלל בייא איהם עפיס פערדיענען, אונ

צווייטענס מעג ער בייא זיך זיין גדול, ער רעדט זיך איין, אז זיין טאטע איז געוועזען אַ יאשנע ווילמאַזשנע פאן און זיין זיידע איז געוועזען ווייס איך דאָרט וועלכע רוחות און האָט געהאט אַ סך גיטער. וחוץ לזה האָט מען איהם פין קליינערהייט איינגערערט, אז יורען האָבען געמיטשעט זיין גאָטט; דארף איך איהם דען פֿע־איבעל האָבען, אז אונזערע דייטשע נגידים זענין נאָך ערגער פין זייא. —

איך בעט אייך איבער, זאָגט ערלער, קיין כלל קאָן מען ניט זאָגען, געוויס זענין דאָ אללערלייא; צווייטענס, וואָס חאפט איהר גראָד אָן דיא דייטשע נגידים? דיא פראָסטע נגידים זענין דענן בעססער?—

„נלאט— זאָגט שלום— עס רעדט זיך אזוי, אוודאי קענן מען ניט זאָגען אויפֿ׳ם כלל; איך שמוס אָבער פֿינ׳ם רוב, טאקע פֿין דיא און פֿין יענע. מיר יורען קוממען דאָך ארויס פֿין אלץ איין יאשניע פאן; זיין טאטע איז פאק געוועזען אַ גרעססערער בריה, ער האָט אנטליגען א פריץ 100 קע־בליך און האט גענוממען אַ וועקסעל אויף 300, און אויף 800 האָט ער אלליין. .., אָדער עס האָט זיך איהם אזוי געטראָפֿען אַ כשרה מציאה: אַ גלח האָט פֿערלוירען און ער האָט געפֿיננען און צו איין אָריממאנן האָט מען זיך געטשעפיט; וויא אהין זשע געהער אזא גדלות מ׳ט אזא חן? קען ע־ באלד קיין יורען ניט אָנקוקען; און אז אַ יוד דארף בייא איהם עפעס פֿערדיענען, שטעהט ער נעבוך בייא דער טהיר און ער רעכענט איהם אויס עס זאָלל איהם ניט דערגעהן אַ גולד׳ען אויף שבת; און קיינער האָט שוין קיין נאָמנות ניט נאָר ער אלליין. דאָס וואָרט רחמנות ווייסט ער ניט וויא עס שטעהט. בעט איהן עמיצער אַ נדבה, גיט ער איהם באלד איין עצה, ער זאָלל זיך שטעללען פֿאר אַ משרת, אָדער ער זאָלל געהן האָלץ האקען, וואססער טראָגען. ווילל איהר, זוכט ער נאָך אויס אַ פֿעטער אַ שוחט, איז שוין בייא איהם הורה וגדולה במקום אחר. מילא דאָס איז אקעגען אַ געמיינעם מאנן; זייא בלאָזען זיך אָבער איין נגיד אקעגען אנדערן! פֿיהלט נאָר איינער, אז ער איז רייכער פֿינ׳ם אנדערן מיט עטליכע טויזענד קער־בליך, שטעללט ער שוין א־ויס קעגען איהם דאָס בייכעל, און בייא דער מינדסטער זאך ווייזט ער איהם ארויס, אז ער איז מעהר טייערע משקה פֿין איהם; און יענער האלט שוין דאָס קאָפעל אכיסיל נידריגער. פֿע, חלעבען! עס איז אַ פאסקודנע וועלט! וועט איהר געפֿיננען אזעלכע מרות צווישען חסידים? אזוי פֿיעל לצנות, אזוי ווייניג רחמנות, אזוי פֿיעל גדלות, אזוינע שטיינערדיגע הערצער״ ?—

ערלער איז געזעסען און האָט איהן אָנגעקוקט, ער האָט זיך גאָר ניט געגלייכט, אז דאָס רעדט שלום, און זאָגט: נאָ, ר׳ שלום, איהר זענט אַ מאלאַדיעץ! איהר פֿערשטעהט איין עסק!—

יחיאל האָט דיא גאנצע צייט געשוויגען. וואָס ערלער האָט גערעדט

פֿינ'ם ביידעל ארויס האָט ער נישט געהערט; נאָר שלומס רייד זענין איהם זעהר געפֿעללען, אונ רופֿט זיך אָן: „אוי, אזא פרנסה זאָלל איך האָבען וויא דער יוד איז גערעכט! איהר מיינט איך ווייס ניט פֿין ווענען איהר שמוסט?— יהיאל האָט געטײַנט, אז מען שמוסט דאָ פֿין איינעם— אַ פֿע־האפעניש זאָלל אויף איהם קוממען, ער זאָלל נאָר איבערקוממע אויף מיין שטייגער. איך בין מיט איהם אמאָל געפֿאָהרען—וויאָה ריעטי!— בין איך איהם נאָכגעלאָפֿען אַ האלב יאָהר נאָך געלד, אונ אז איך האָב איהן שוין גוט אָנגעזידעלט, האָט ער מיר אַ קערבעל געגעבען אונ זיבציג נראָשען איז טאקי פֿארפֿאלען. אויסקרענקען זאָלל ער מיין בלוט! אז איך שיק אמאָל אַ שמייסער מיט מיינע פֿערד בעצאָהל איך איהם צום נראָשען, וואָס הייסט „דין פרוטה כדין מאה" זאָגט א גוי אַ שפּריכוואָרט. דיא נגידים האָבען טאקע פֿיינד צו געבען געלד, זייא וויללען עס מיטנעמען אויף יענער וועלט... טפררררר! מיר מוזען אין דער קרעטשמע איבערנעכטיגען. מען דאַרף בלויז פאססען דיא פֿערד, אַ רעגען געהט שוין אויך ברוך—השם אונ דאָס שקאפקעלע מאכט מיר עפעס קינקעל—מינקעל אונ וויילל ניט מאָנשען, אונ טשוט נאָר זארא וועלען מיר אריינפֿאָהרען זאין שטאָדט אריין. דיא פֿערשוינען האָבען איינער צום אנדערן געשמייכעלט פֿין יחיאלס שמוס אונ זענין אריינגעפֿאָהרען אין קרעטשמע אריין.—

6

# דיא גנבהשע קרעטשמע.

זייא זענין נאָר אריינגעפֿאָהרען אין קרעטשמע אריין האָט זיך דער הימעל זעהר פֿערחמארעט אונ עס האָט אָנגעהויבען גיסען א שטארקער רעגען, מיט דונערן אונ בליטצען אונ מיט אזא שטורמווינד, אז דיא קרעטשמע האָט אזש געציטטערט. אונזערע פערשוינען זענין געזעססען סמוטנע נעבען גרויסען דעמבינע טיש אונ האָבען געוואַרט דער סאמאָוואר זאָלל אויפֿהערען פיסטשען אונ קרעכצען אונ זאָלל שוין אויפֿזידען.

יעדער פין אייך, מיינע ליעבע לעזער, האָט געווים אַ מאָל אין זיין לעבען פֿערזוכט, אָדער ער וועט פֿערזוכען, אז מען בלייבט נעכטיגען אין אַ קרעטשמע אין מיטטען פֿעלד, אז עס מאכט זיך אַ שטארקער רעגען מיט אַ שטורם, דאָס מאכט דעם מענשען זעהר טרויעריג אונ דיא היים ווערד דעמעלט מיט פֿיעל פראָצענט טהייערער.

אין אלקער האָט עמעצער זעהר געחראָפעט, איז ערלער טשעקאווע געוועזען צו זעהן ווער עס שלאָפֿט אזוי געשמאק, איז ער צוגעגאנגען צום אלקער אונ זאָגט צו זיך אלליין: אָ, אַ פֿיינע־ בחור! —

בייא דער ארענדאַרקע אויף דעם בעטט איז געלעגען אַ יוד פין אַ

יאָהר עטליכע אונ פֿערציג, אַ געזונדער ברייטער בחור מיט אַ רויטה פנים, מיט שטיפלען; גראָד רעמעלט איז צוגעגאַנגען דער ארענדאר אונ האָט איהם אָנגעהויבען וועקין: „ר' מענדיק! ר' מענדיק! איהר וועט עובר מנחה זיין". יענער האָט זיך געשווינד אויפֿגעכאפּט אונ האָט זיך אָנגעהויבען קראַצען אין דיא צעשויבערטע פאטלעס. עדלער האָט נאָר דערזעהן זיינע צווייא אויגען איז איהם אַ קיהל געוואָרין אין הארץ, אונ פֿרעגט דיא בעל־ביתטע שטיללערהייט: „ווער איז דער יוד" ?

„וואָס דארפֿט איהר אזוי נעטהיג וויסען? ער איז אַ יוד אונ גענוג".

יוּליער האָט באלד דערקעננט אין איהר מינע, אז זיא איז גאָר ניט צופֿריעדען וואָס ער איז דאַ געבליעבען נעכטינגען, אונ זאָגט צו שלום'ן: „דאָרט איז דאָ אַ פֿיין יורעלע, ער איז זיכער אַ גנב אָדער אַ גזלן. נאָר וואָס וועט ער בייא אונז גנבנין" ?

שלום האָט זיך אביסעל דערשראָקען אונ האָט באלד געחאפּט זיין בעטגעוואנד מיט דעם טלית ותפלין אונ האָט אנידערגעלעגט נעבען זיך אויף דער באנק, אונ ביידע האָבען זיך געזעצט טרינקען טהעע.

יחיאל האָט אויסגעשפאנט דיא פֿערד אונ איז אריינגעגאַנגען אין אלקער דורך דער הויזענטהיר אונ איז באלד צו צו דעם בחור: „שלום עליכם מענדיק! וואָס טהוסט דוא דאָ? דאָס איז דיין פֿערד אונ וועגעלע? איך האָב עס אָבער זארעם דערקעננט".

„סקען קאפּען לינקס 1)"—זאָגט מענדיק שטיללערהייט—„ווער זענין דיא טשינדאָקעס 2)" ?

„וויים איך—עפּיס איינער אַ קירה אונ אַ נארישעוואטע חסידיל"—ענטווערט יחיאל.

האָבען זייא עפּיס באש 3)? פֿרעגט ווייטער מענדיק.

„וויא קוממט צו זייא באש—זאָגט יחיאל—זייא האָבען ניט אַ רענדעל אויף טהעע. —

דיא צווייא גוטע ברידער האָבען זיך געשושקעט, דערנאָך האָט מענדיק געהייסען געבען בראָנפֿין אונ האָבען זיך אנידערגעזעצט אין אַ ווינקעלע בעסעדעווין.

עדלער איז נאָך אביסיל ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב, דערנאָך האָט ער צוגעמאכט דיא טהיר אין אלקער אריין אונ האָט זיך געלעגט שלאָפֿען; אונ שלום האָט זיך אונטערגעלעגט זיינע צווייא פעקלעך צו קאָפּען. עס איז אָבער אונמעגליך געוועזען צו שלאָפֿען: דער רעגען האָט געלאפעט אונ דער ווינד האָט געקלאפּט מיט דיא לאָדען אונ פֿון דיא בליצען איז אללע מאָל לעכטיג געוואָרען אין קרעטשמע, פֿינ'ם אלקער האָט מען

1) שא, זאָג ניט. 2) מענשען. 3) געלד.

זיך אללע מאָל נעדרעהט אויף דער הויזענטהיר און מען האָט זיך אלץ נעשישקעט: „וואָס קענן עס זיין וואָס זייא זענין נאָך ניט דאָ?". שלום האָט זיך אללע מאָל נעוואָרפֿען פֿין איין זייט אויף דער אנדרער. עס האָט איהם נעקלאָפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פֿאר שרעק. ערשט ארים זייגער עליף זענין זייא ענטשלאָפֿען נעוואָרין.

אין אַ שעה ארים איז עמיצער צונעפֿאָהרען און מען האָט אָנגעהויבען שטארק קלאָפּען אין טהויער. אין אלקער איז נעוואָרין אַ גערידער. מען איז באלד ארויס און מען האָט ארייננעלאָזט דיא נעסט.

עדליער האָט זיך באלד אייפֿגעחאפּט, ער איז זעהר ציקאווע געווען צו הערען וואָס דאָ וועט זיך טהון; ער איז צונעגאנגען אויף דיא שפּיץ פֿינגער צו דער טהיר פֿין'ם אלקער, און האָט גראָד געפֿינען אַ שפּארע וואָס מען קענן דורך איהר זעהן אללעס וואָס טהוט זיך אין אלקער.— באלד זענין דאָרט ארייננעקוממען פֿיער שטיק, איינער נאָך דעם אנדערן: איינער אַ אָטסטאוונאָי סאָלדאט מיט אַ לאננער שווארצער באָרד אין מיטטען אביסיל אויסגעשוירען, און איינער אַ בלינדער אויף איין אויג; דיא אנדערע צווייא האָבען אויסגעזעהן וויא פּאָמאָטשניקים. אללע האָבען זיך געוויטעט מיט יחיאלן און האָבען אראָבגעוואָרפֿען פֿין זיך דיא נאססע פלאַשטשים.

„אכבראָש איינער, מענדיק!— זאָגט דער בלינדער, אויפֿהעננענדיג דען פלאשטש— דוא ליגסט צעלענט, וויא ביים טאטען אין וויינהויז און טרינקסט בראָנפֿען און מיר פראָפּאדאיען".

„דער משענדאָק איז נאָך נישט דאָ מיט'ם אלטען סאָבאקא"?: פֿרעגט דער סאָלדאט בודו שזע יא פּראָקליאט, ווענן איך גיב איהם אָב אַ פּיצעל, אז ער וועט היינטיגע נאכט ניט קוממען— איך בין ניט זיין קרעפּאָסנאָי, איך זאָלל אויף איהם ווארטען. לאָז מען גרייטען צום טיש, און איך וועל דערוויילע דאווינען מעריב.

איטליכער פֿין זייא האָט שטילערהייט געפֿרעגט יחיאל'ן, ווער דאָרט שלאָפֿט; יחיאל האָט אָבער אלץ אוועקגעמאכט מיט דער האנד, גלייך זייא זענין גאָר קיין מענשען ניט.

דיא ארענדארקע האָט גענרייט צום טיש און דיא לייט האָבען זיך אָנגעהויבען וואשען. נאָר איין מענדיק האָט געזאָגט, אז ער איז פטור פֿין וואשען, ווייל ער האָט אַ העמד אין געוועש. אללע האָבען זיך ארום געזעצט ארים טיש, יחיאל אין מיטטען, און מען האָט אָנגעהויבען דערלאנגען: געבראָטענע גענז, פּיפּקים, קאטשקים, בראָנפֿען, ווישניאק... זייא האָבען זיך נאָר גענוממען צו דער אַביים איז ווידער געוואָרען אַ געקלאָפּערייא אין טהויער.

„עָר איז דאָ, דער אכבראַש מיט'ם אלטען דראבו!" רופט זיך אָן דער סאָלדאט. „לאָז מען זייא ארייגלאָזען!"

זייא זענין ארייגעפאָהרען און זענין באלד ארייגעגאנגען אין שטוב אריין. איינער איין אלטער מיט א ווייסער באָרד, אַ פלעטשיסטע מענשיל, איז זעהר לוסטיג ארייגעקומען; דער אנדערער, אַ מאָגער יודעל, בלאס אויפ'ם פנים, וויא איינער וואס האט דרייא טאָג ניט געגעסען, מיט אַ גרינער שאל ארום האלז, אין אַ לייכט קאפאָטקעלע דורכגענעצט ביז צום אריבערגעקראָהעמד, איז קיים כען איבער דער שוועלל.

עדליער האָט דערזעהן דען מענשען, האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאָפען דאָס הארץ און טהרערען האָבען זיך איהם געשטעללט אין דיא אויגען. ער האָט אָבער פערשטאנגען, אז העלפען קענן ער איהם דאָ גאָר ניט.

דיא ווייסע באָרד האָט לאנג ניט געטראכט און האָט זיך געזעצט עססען; דער אנדערער איז געבליבען שטעהן בייא דער טהיר. ער האָט געמיינט, אז ער וועט ניט עססען און וועט שטעהן בייא דער טהיר און וויינען וועט ער דערמיט ריהרען דיא שטיינערנע הערצער זייא זאָללען אויף איהם רחמנות האָבען.— דיא ראזבאָיניקים האָבען זיך אָבער אויף איהם ניט אומגעקוקט און האָבען זעהר געשמאק געפרעסען און געטרונקען, און ער האָט נעבוך געשמאק געציטערט און געוויינט.

דאָ איז אזא מעשה געשעהן:

דעם דינסטאג בייא נאכט האָבען דיא חברה דען יודען בעגנביט זיין גאנץ קרעמעל אויף 800 קערבליך. אז ער האָט אין דער פריה דערזעהן דיא צרה, אז חוץ וואָס ער איז געבליבען איין אֶביון, דארף ער נאָך אָנזעטצען, איז איהם זעהר שלעכט געוואָרען. קורץ, איינער האָט איהם איין עצה געגעבען, ער זאָלל געהן צום נביא, און איהם צוזאָגען עטליכע קערבליך וועט ער איהם אָבזוכען דיא גנבה. דער נביא האָט אָבגעשמוסט מיט דער חברה, אז דיא נאכט זאָלל מען זיך צונויפפאָהרען אין דער קרעטשמע, וועט ער זייא אויסגלייכען, וויפיעל געלד ער זאָלל זייא געבען און זייא זאָללען איהם אָבגעבען דיא סחורה. אָט דיא ווייסע באָרד, דאָס איז דער ביא.— ביים עססען זענין געפאללען שאָנע, עדלע ווערטער, אז דיא ארענדארקע האָט אזש געשמייכעלט.

אללע האָבען זיך גוט אָנגעשנבורט, מענדריק האָט געבענשט מזומן (ווייל ער איז אַ כהן) און מען האָט זיך גענומען צום געשעפט.

עס איז אונמעגליך פאָר־אָבנע צו בעשרייבען וואָס דאָרט האָט זיך איבערגעטהון און וואָס דער יוד איז נעבוך פון זייא אויסגעשטאנען.

דער נביא האָט זיך קיים געהאלטען אויף דיא פיס פאר שיכרות און האָט אללע מאָל געשלעפט צו זיך צו, אויף אַ סוד, באלד דעם יודען, באלד איינעם פון דער חברה דען ארענדאר האָט זיך אויך ארייגגע־

מישט, יחיאל האָט אויך נעהאָלפֿען; ענדליך האָט דיא ווייסע באָרד נעזאָגט דען פסק: ער זאָלל זייא געבען 200 קע־בלעך אונ עטליכע עללען ציץ אויף לייבצודעקליך, אונ זאָלל צאָהלען פֿאר דער וועטשערע, אונ זייא דארפֿען איהם אָבנעבען דיא גאנצע סחורות.

דער יוד האָט דערהאָרט דען פסק, האָט ער זיך זעהר צעוויינט אונ האָט זיך נעוואָללט פ־יווען עפּיס אָבדינגען, א־ז צו איהם צו דער סאָלדאט מיט אַ רציחה: ליידאק, מערזאוויץ! דוא ווערסט דיך נאָך פעסטען? שטים! וואָרים איך מאך דיך נידרינגער מיט אַ קאָפּ. טהוא אַ הונד נוטס ביללט ער נאָך". אונ האָט איהם נענעבען אַ פּאטש אז ער אזש צונעפֿאללען צ דער וואנד: נא דיר, מערזאוועץ! זאָללסט וויססען מיט ווערמען דוא רעדסט.

דע־ א־ענדאר איז צונעלאָפֿען אונ האָט איהם ניט נעלאָזט שלאָגען, אונ דער האָט נעבוך דאָביוויט דאָס קניפּעל אונ האָט אָבנעצעהלט דאָס נע־ד דע־ ווייסער באָרד אין דיא הענד אריין אונ מען האָט באלד נעמאכט א חלוקה.

„נאָ, אונ מיר ר' קרוב — האָט זיך אָנגערופֿען יחיאל — איך האָב אומזיסט נעהאָריוועט אַ גאנצע נאכט? — מענדיק! זאָג דעם טשענדאָק ער זאָלל מיר נעבען חאָטשע באקער בערעלים" *).

„סטאטש וויא רען — זאָגט מענדיק — דוא מוזט איהם נעבען פֿאר זיין טרהא, נאָר נעשווינד בעצאָהל שבה, זאָנסט ווערסט דוא ניטטאנצע מיט דער כלה!"

דער יוד האָט נעבוך ארימנעטהיילט, יחיאלן אונ דעם ארענדאר, אונ איז מיט זייא אוועקנעפֿאָהרען נאָך דער סחורה.

עָרליץ־ האָט זיך צוריק אנידע־נעלעגט, נאָר שלאָפֿען האָט ער שוין ניט נעקאָנט. עס זענין איהם נעשטאנען פֿאר דיא אוינען דיא שרעק־ליכע פנימער פֿין דיא ראזבאָיניקעס אונ דיא קוואהלען פֿין דעם אונגליק־ליכען יודען. ער האָט אלץ נעקלערט דיא פריטשינע, פֿאר וואָס דיא מענשליכע נעזעלשאפֿט, וואָס איז טייזענדער מאָל אזוי פֿיעל וויא דיא עטליכע שלעכ־טע אונ קעננען זיך אקעגען זייא ניט וועהרען? ער איז ארויסנעקוממען דארויף, אז דאָ איז דיא איינענע אורזאכע וואָס שאדט צו אללע גוטע זאכען אויף דער וועלט: וויי־ל עס איז נישט דאָ קיין אחדות, אונ אז מען טרעט איינעם, איין אונשולדיגען מיט דיא פֿיס, שטהען טויזענד פֿין ווייטען אונ העלפֿען איהם מיט אַ „נעבוך!"

---

*) צווייא קערבליך.

7

# אט דאס הייסט א רבי!

עס האָט נאָר אָנגעהויבען טאָגען, איז שוין שלום אויפגעשטאַנען, ערלער האָט נאָך אביסיל געדרימעלט, דערנאָך האָט מען איהן אויפגעוועקט פאָהרען. זייא האָבען בעצאָהלט אין קרעטשמע און זענען אוועקגעפאָהרען.

ערלער האָט דערצעהלט שלום'ן וואָס דאָ האָט זיך איבערגעטהון בייא נאכט: „איך האָב אייך — זאָגט ער — מקנא געוועזען וואָס איהר האָט נישט צוגעזעהן דיא מעשה“.

שלום האָט דארויף שטארק געזיפצט: „אוודאי — זאָגט ער — איז אַ גרויסע רציחה, נאָר וואָס קענן מען דערצוהעלפען“? —

„פאר וואָס זאָלל מען ניט קעננען העלפען? — פרעגט ערלער — פערנעמט איך נאָר ניט בעשטענדיג מיט פיסטע זאכען! און שטאָט דעם וואָס איהר נעמט אייך צונאויף טויזענדער מענשען און קראַנקט ייך אַרבין, ער זאָלל זיטצען אויסגעגלאָצט דיא אויגען נעבען אַ זילבערנעם טיש און זאָלל בייא אייך צונעמען וויא איהר האָט אַ גראָשען; נעמט אייך בעססער צונאויף און זוכט מיטטעל אזעלכע גנבים פטור צו ווערין“.

וואָס שאדט אייך דער רבי — זאָגט שלום — גלייבט מיר, ער הייסט קיינעם ניט זיין קיין גנב און איז אוודאי עהרליכער פון אונז.

„איז דען דאָס אַ גוטקייט, אז ער הייסט ניט זיין קיין גנב? מאָהלט אייך איך האָב גראָד אָנגעהאפט דיא גנבים, ווייל עס איז מיר פאר דיא אויגען געקוממען. עס איז דאָך אָבער דאָ טויזענדער שרעקליכע זאכען און רציחות, וואָס טהוען זיך איבער צווישען יודען; ווענן דיא גוטע יודען זאָללען זיין וואָס זייא דארפען צו זיין, וואָלטען זייא אלדינג געקאָננט פערהיטען. דער פראָסטער עולם ציטטערט פאר זייא, און זייא וואָלטען זייא געקעננט האלטען אין דיא הענד; אז עס געהט זייא אָבער נאָר ניט אָן — זייא נעמען בייא גנבים אויך פדיונות און מוסרים טאנצען בייא זייא צום שלוש סעודות. הכלל עס איז היינט אלדינג פאלש“. —

„וואָס זשע וויל איהר זאָללען זייא איך טהון? — זייא טויגען ניט צו דער וועלט“! —

„הערט אויס, ר' שלום, איך וויל דערפון פיעל ניט רעדען, איך וויל אייך נאָר וויזען, אז דער גוטער יוד וואָס איז ניט אינטערעסירט און האָט באֶמת ליעב יודען, דער איז זיך אַמאָל מוסר נפש לטובת הכלל און פיהרט אללעס אויס. איהר געדענקט געוויס דיא גזירה פון שטראָפ-ניע רעקרוטען? — דיא פאָימאניקים“? —

„דיא פאָימאניקים יא. פאר וואָס זאָלל איך נישט געדענקען, וויא

לאנג איז דאָס נאָר אין דעם".

„נאָ, אז איהר גערענקט יאָ, ווייסט איהר דאָך מן הסתם וויא אונזער עם קרוש האָבען זיך דעמעלט צעפּיהרט דיא הענד. עס ווייגט אין מיר דאָס הארץ, אז איך דערמאן מיך דיא רציחות וואָס דעמעלט זענין געשעהן; אונ דיא איינענע רוצחים האָבען דערנאָך גענעבען קוויטליך דזיא רבנים אונ געלד אויף פּדיונות, אונ דיא צדיקים האָבען זייא מבטיח געוועזען אז אללע זייערע בקשות וועלין נתמלא ווערין."

„איך פערשטעהע ניט, וואָס וויללט איהר האָבען פין זייא? זייא האָבען עפּיס געקעננט העלפען צו דער גזרה? אונ אז עמיצער ברעננט אויף אַ פּדיון דארף דער גוטער יוד וויססען צו ער איז אַ הילטייא?

„סטאטש, וויא דען? ער דארף אוודאי וויססען, אונ ער ווייסט טאקי אלדינג אונ קענן איטלעכען ניט מיט א רוח נביאה, נאָר פשוט מען טראָגט איהם אונטער אונ דערצעהלט איהם אללעס; וועניג טענצערם האָט ער ארום זיך, וועניג שפּיאָנען וואָס זענין אומעטום פּילל אונ מאכען איהם קלאָר אין אללעמין; דערפאַר לעקען זייא אויך אָב אַ ביינדיל. איך בין אייך עריב, אז ער וועט וויססען איטלעכס וואָרט וואָס איך שמים דאָ מיט אייך; איינער פּין זיינע פּייגעליך וועט שוין בייא אייך אויסנארען דיא גאנצע מעשה אונ איהר וועט נאָר אלליין נישט וויססען; דערנאָך אז איהר וועט קוממען צום רבין אונ ער וועט אייך זאָגען וויא אויס א רייסטער, וועט איהר גאפּפען אונ אין בית—המדרש דערצעהלען אַ מופת, איטלעכער וועט עפּיס צולעגען, וועט ארויסקוממען נסים ונפלאות. — אונ צו דער גזרה וואָלטען זייא אויך געקעננט העלפען. פאר וואָס איז אין פ... ניט געוועזען אזוינע רצוחות וויא אין אללע איברינע שטערט?—ווייל ר׳ ל... האָט דערצו ניט דערלאָזט אונ האָט אויסגעפּיהרט. פ... איז געוועזען איין עיר מקלט, נאָר ניט פאר קיין רוצחים, אהין זענין זיך צונאויף געלאָפּע טויזנדער פּערמדע מענשען אונ זענין דאָרט איבער געוועזען דיא פינסטערע צייט, ווען יודען זענין ארומגעלאָפען וויא ווילדע חיות אונ האָבען געחאפּט זייערע איינענע ברידער; אונ אונטער ר׳ ל...ס שוטץ איז קיינעם קיין האָר ניט געקרומט געוואָרין, אונ ער האָט דערפאר בייא קיינעם קיין פּרוטה ניט גענוממען. אָט דאָס הייסט אַ צדיק! איך האָב געהערט פּין איהם נאָך טויזענדער זאכען, ער טהוט אלדינג וואָס איהם איז נאָר מעגליך לטובה זיינע ברידער— וואָס דענן? וואָהנען אין פּארגאָלדעטע שטובער אונ פאָהרען אין טהייערע קאריטעס, אַ קינד חתונה מאכען זאָלל קאָסטען דרייסיג טויזענד קערבליך, דאָס הייסט מסירת הנפש? — "

נאָך דעם שמוס זענין ביידע שטילל געבליעבען אונ זענין אזוי שוויי׳ גענדיג אָבגעפּאַהרען עטליכע ווערסט. נאָר שוין ניט ווייט פּין דער שטאָדט, זענין ביידע געזעססען אונ האָבען זיך געקוקט אין דיא אויגען אריין. יעדער

פֿין זייא איז ציקאווע געוועזען צו וויססען וואָס פֿאר אַ מיינונג דער אַנ-
דערער האָט פֿין איהם, אונ קיינער פֿין זייא האָט ניט געוואוסט פֿין וואנען
אָנצוהייבען. — ערדלער האָט אָבער געזעהן, אז באלד וועט שוין שלום
אראָבקריכען, האָט ער זיך לענגער ניט געקעננט איינהאלטען אונ פֿרעגט
איהם. „זאָגט מיר דעם אֱמת ר' שלום, וועט איהר מיך גוט אָנשעלטען?
וועט איהר זאָגען: אֶפְשר איז מיר בעשעהרט געוועזען גאָטט ווייסט וואָס
זאָלל איך דערמיט אָבקוממען?" — „הס מלהזכיר! פֿאר וואָס זאָלל איך
אייך שעלטען? גלייבט מיר איך פֿערשטעה אויך, אז איהר זענט אבּיסיל
נערעכט, איך ווייס אויך, אז עס איז זעהר גוט אונ שאָן אלדינג צו קעננען.
היינט איז אָבער אזא וועלט, אז איינער איז נאָר געלערנט פֿע־בייט ער
באַלד דאָס יודישקייט אונ האָט פֿיינד אַ יודען. —

„ניין—זאָגט ערדלער—איהר האָט אַ גרויסען טעות, איך האָב אייך
איינמאָל געזאָגט אונ זאָג אייך ווידער, אז ער האָט איהם ניט ליעב, ווייל
ער ווייסט, אז ער איז איהם אַ שונא אויפֿ'ם לעבען. דאָך וועל איך אייך
ווייזען פֿיעל אויפֿגעקלערטע מיט געגאָלטע בערד וואָס האָבען זעהר ליעב
יודען אונ זשאליוועען ניט זייער געלד אונ טרחה לטובת הכלל. עס מעג
זיין ער דאַווענט ניט אונ גלייבט ניט אָן גוטע יודען, וועט איהם גאָטט
שטראָפֿען. מיר דארפֿען אָבער נאָר זעהן וויא ער האנדעלט אקעגען מענ-
שען. אָט קוקט אייך נאָר גוט צו אונ נארט אייך נישט, וועט איהר גע-
פֿיננען זעהר פֿיעל אזעלכע וואָס שאָקלען זיך ביים דאווינען אונ נעהען אין
מקוה אריין, שלאָפֿען אין סוכה, עססען שלוש סעודות, שניידען דיא נענגעל
בסירוגין אונ בעהאלטען זייא מיט עדוה, ווער שמיסט ימים נוראים איז
אַ געוויין וויא אַ קליין קינד וואָס האָט מורא פֿאר אַ קאנטשיק; אַ זעל-
כער געפֿעללט אייך שוין יאָ? הא? זעהט זשע נאָר צו ער האָט ליעב אַ
יודען! פּריפּט נאָר בעט איהם עפּיס אַ טובה, ער זאָלל פֿאר אייך זאָגען
אַ גוט וואָרט, צו וועט ער לייען אַ יודען אַ גמולת חסד, חאָטשע ער ווייסט
זיכער אז יענער איז אַ בטוח. ער איז נאָך דער גאנצער וועלט אַ שונא
אונ פֿערגינננט קיינעם ניט דאָס לעבען. זעהט ער אַ געמייעם מאנן אין אַ ניי-
ער קאפּאָטע קרעכצט ער דארויף וואָס יודען זענין אויסברעננערס אונ
שפעטט פֿין איטלעכען: פֿין אַ חסיד, ווייל ער איז ניט קיין הסיד; פֿין
אַ דייטש, ווייל ער איז ניט קיין דייטש; פֿין אַ געלעהרטען, ווייל ער איז אַ
עם הארץ: אַ קיצור קוקט מיט אָפּפֿענע אויגען אונ ווילט זעהן דעם אֱמת
וועט איהר זעהן אז איטלעכער שפּיעלט איין אנדערע קאָמעדיע, אונ נאָר
פֿין זיין איינענער טובה וועגען; אונ אַזוי וויא מענשליכע פּנימער זענין ניט
אללע גלייך, אזוי קעננען ניט גלייך זיין זייערע געדאנקען אונ זייערע
מעשים. — איבריגענס, וואָס ניצט אונז דאָס שפּארינייש; ארדרבה, ווייזט

איהר אַ קונץ איהר זאָללט שטו־ירען און אללעם לערנען, און בלייבט פּרוממע יודען, וויא רש״י, דער רמב״ם, דער אבן עזרא וכדומה. זייט איהר לעהרער אין דיא שולען און פּיהרט דיא קינדער בדרך הישר“.

דאָס ביידעל איז געבליבען שטעהן נעבען איין איינפאָהרהויז ניט ווייט פֿון דער בראָם, שלום איז באלד אראָב, האָט בעצאָהלט דעם בעל־עגלה און האָט א־אָבגענוממען זיינע זאכען און האָט זיך געלאָזט אוועקגעהן.

„איהר געהט שוין—פּ־ענט איהם עדלער—וויא מיינט איהר וועלין מיר זיך נאָך אַמאָל זעהן?“ מהיכי תיתא, ענטווערט שלום, פּאַ־ דענן ניט, איהר ווייסט דאָך איך בין ניט...

שלום איז אכיסיל מבויש געוואָרין פֿאר דיא מעקלערים און בעל־ עגלות, וואָס זענין געשטאננען ארום ביידעל, האָט ער שוין דאָס איבריגע ניט דערזאָגט און איז אוועק.

עדליער איז ארייננעגאנגען אין א בעזונדער שטובעל, ער האָט באלד געפּ־ענט דעם בעל הבית אויב הערר גליקמאן איז דאָ אין דער היים, און האָט זיך אָנגעהויבען צוגרייטען אהין צו געהן.

8

## שלום עליכם!

דער הערר גליקמאַן, צו וועלכען עדלער איז געקוממען אויף דער שטעללע, איז באַמה זעהר רייך געוועזען; נאָר אַ פּראָסטער ברודער, און גאָר ניט קיין נוטער מענש. דאָס ליבסטע און דאָס הייליגסטע איז בייא איהם געוועזען—געלד, דיא איינציגע זאך, מיט וואָס אזעלכע לייט קעננען גילטען. אללייז איז ער געוועזען אַ געזונדער שאָנער מענש מיט אַ גוט ביי־ כעל, אַ שאָנע שווארצע באָרד קאלעכדיג ארומגעשוירען, און האלב רייטש געקליידט: ניט זעהר קורץ און ניט זעהר לאנג.

זיין הויזגעזונד איז בעשטאנענען פֿון צווייא קינדער: אַ מערעלע, ניטעלע, פֿון אַ יאָהר 14, זעהר אַ שאָן און אַ גוט קינד, און אַ יונגעל פֿון אַ יאָהר 8 איין איציקיל. דיא בעל—הביתטע אין שטוב איז געוועזען אַ מוט־ טער, א פּארצייטינישע יורענע,—זיא האָט בעשטענדיג געארביטאַ זאָק און האָטזיך אונטערהאלטען אין קעך מיט דיא דיענסטען; זיא האָט ליעב געהאט צו וויססען וואָס ערגיץ קאָכט זיך, וויא עמיצער קריענט זיך מיט׳ם ווייב און האָט ליעב דיא אמם; וועלעכס ווייבעל איז פֿרום און וועלעכס ניט. איהר ווערטיל איז תמיד געוועזען: „איך בין מיר איין אלטער שלייער, נאָר איך איך בין א מבין אויף אַ טשאר“. צו צייטען האָט זיא ליעב געהאט זיך אונטערהערען ביים אייגענעם זוהן הינטער דער טהיר.

זייא האָבען בעוואַהנט אַ שאָן דריישטאָקיג הויז, דיא ציממער שאָן אויסמעבעלירט אונ דערבייא אַ גרויסען גאָרטען.

דאָס איז געוועזען אים פרייטאג א״ום זייגער 12, זייא האָבען זיך נאַר וויאָס געזעצט צום טיש מיטטאָג עססען איז אריינגעקוממען אַ משרת אונ האָט געמעלדעט „עפּיס אַ יונגערמאַנן איז געקוממען״.

„ווער איז פרעגט איהם ג... דוא קעננסט איהם ניט?״ „ניין״— ענטווערט יענער.

„נאָ, בעט זשע איהם אריין צו מיר אין קאבינעט אריין, ביז מיר וועלין אַבעססען״.

דער משרת איז נאַר ארויסגעגאַנגען, איז איהם דיא אלטע באלד נאָך. זייא איז שוין ציקאווע געוועזען צו וויססען ווער דאָרט איז, אונ איז באלד צו־יקגעקוממען פע־קרומט, גלייך עמיצער וואָלט איהר אַ קניפּ געטהון, אָדער אָנגעטרעטען אויפ׳ן פוס.

„אַט האָסט דוא שוין—זאָגט זיא—אַ נייעס שלימזול מיט אַ קורצע; לייבצודעק. ווער קענן דאָרט זיין פרעגט ג... אויב דער לעהרער איז ניט געקוממען?—געה נאַר איציקיל אונ בעט איהם אריין.

ער איז נאָר אריינגעקוממען האָט איהם ג... אויסגעשטרעקט דיא האנד זיצענדיג אויף דער שטול: „וואָס מאכט איהר, הערר עדלער! שלום עליכם! ווען זענט איהר געקוממען?״ — „היינט אין דער פריה״.

„וויא זענין אייערע זאכען?״.— „אויף אַ סטאַנציע״.

ג... האָט איהם רעקאָמאנדירט דער מוטטער אונ דיא קינדער ער האָט איהם געבעטען צו טיש אונ האָט באלד אוועקגעשיקט נאָך זיינע זאכען.

וואָס הערט מען עפּיס נייעס—פרעגט ג... עדלערן—וואָס שרייבען עפּיס דיא צייטונגען?״ „איך האָב דיא לעצטע צייט קיין צייטונג ניט געלעזען—ענטווערט עדלער אונ אזוי קיין נייעס האָב איך אויך ניט געהערט. עס איז מיר ניט אין זיננען געוועזען; איהר ווייסט דאָך אז איך בין שבעה געזעססען. —

„מען שמוסט—זאָגט ג... אז יודען זאָללען מעגען קויפען דערפער מיר האָבען היינט אַ גוטען קאיסער; מען זאָגט אז ער איז אַ גרויסער יודען־פריינד.״

„יאָ—ענטווערט עדלער—דאָס איז אָמת. איך גלייב מיר אָבער ניט מען זאָלל יודען אזוי גיך פאַזוואָלין דערפער קויפען.

פאר וואָס זשע זאָלל אזוי זיין? זענין מיר דען ניט אזעלכע מענשען וויא אללע? —״

דאָס איז אָמת, מען האָט אָבער ניט געטרויען אַ יוד זאָלל האָבען צוּ־ שאפפען איבער אַ קריסט.

„אַ פריץ מעג יאָ האָבען צו שאַפּפֿען אונ אַ יוד ניט? מיר דאכט דעם שכל וואָס אַ יוד האָט, האָט שוין קיין פויליש שלייכטיציל געוויס ניט לאָז ער נאָר דאַרפֿען בערעכנען אַ חשבון פֿין 20 קערבליך צו וועט ער זיך ניט 20 מאָל טועה זיין." דאָס איז טאקי דער חסרון — זאָגט עדלער — מען בעשולדינט יודען אז זייא זענען זעהר חיטרע אונ רעכ־נען בעססער וויא גוט, אונ נארען אָב דעם גוי, צווייטענס זעהט דיא רע־גיערונג וויא אונמענשליך דיא פוילישע פריצים בעהאנדלין זייערע פּאָראנים וואָס זענין איין גלויבען מיט זייא, ווילט איהר מען זאָל יודען אויך ערלויבען האָטשע מיר ווייבען גאנץ זיכער ווענן אַ יוד זאָלל האָבען פּאָראנים וואָלט ער געוויס ניט געטאָט דאָס הארץ זייא אזוי צו בעהאנדלין. דער יוד וואָלט געוויס ניט געהאט דאָס הארץ צו שטעהן גאנץ רוהיג מיט דער לולקעצי־בוק אין מויל אונ הייסען שמייסען זיינס אַ פּאָראנע כמעט ביז צום טוידט. ווער שמוסט דיא טאָכטער וואָלט ער אוודאי בייא איהם ניט צוגענוממען וויא עס טרעפֿט זיך בייא דיא וואָס זענין געבוירענע שלאכטעס אונ זייא דאכט זיך נאָר אז זייא זענין לייט אוּנ דען קליינערן מעג מען מיט דיא פּוס צוטרעטען. —

„אונ איך זאָג אייך זאָגט ג . . . אז דער פּראָסטער מענש קענן ניט לעבען אָהן אַ קלאָפּ, וויא אַ פּיש אָהן וואססער. אז מען שלאָגט איהם איז ער געזונדער. אַפּילו פֿין אונזערע יודען דער גראָבער נאַראַר (ער איז דער עדלער): זייא דיענסט, דער משרת, דער קוטשער, איהר זאָללט איהם וויא גוט בעצאָהלען, אז איהר וועט איהם ניט שלאַגען אונ געבען אללע שעה איין עסס לעפּפּעל פעטש, וועט ער אייך אָבנארען אונ וועט ניט טהון דאָס וואָס איהר ווילט. אָט האָט איהר אַ באָלוואן (ער ווייזט אויפ'ם משרת) קוקט איהם אָן, ווי־פּיעל מאָל האָב איך איהם געזאָגט ער זאָל מיך ניט רופֿען בעל—בית, נאָר העהר, אונ מיין איציקלין זאָלל ער ערצען, אָדער אז ער דערלאנגט מיר דיא שטיוועל, זאָלל ער ניט געבען דען לינקען צום רעכטען פּוס אונ נאָך אזעלכע זאכען, אונ איך מוז איהם אללע מאָל דערמאננען מיט אַ סטיסאק."

דער משרת איז געבוך זעהר מבויש געוואָרין; ער האָט צוגענוממען דיא טעללער פֿינ'ם טיש אונ איז אוועק.

„איהר מעגט מיר גלייבען—זאָגט דיא אלטע צו עדלערן „עס איז פֿין זייא ניט אויסצושטעהן. בין איך נישט דאָ אַ מינוט אין קעך, ווערד פֿין אלעמין הל; מען טראָגט ארויס דאָס ווייסעל פֿין דיא אויגען. איך בין נישט וואָלנע אַ ברווידט פֿין אויבען אויף, סטאיעט עס באלד ניט, זייא מאכען מיר פשוט אַ לונגפֿעהלער.

עדלער האָט זיא אזוי ערנסט אָנגעקוקט אונ טראכט זיך בייא זיך: מיר דאכט זיך אז אין דיא יאָהרען איז מען שוין בעוואָרענט פֿין דער

שלאפֿקייט. עס איז איהם זעהר אונאנגענעהם געוועזען וואָס ער האָט זיך פּאָפּאדעט צווישען אזעלכע מענשען און נאָך מעהר האָט ער בעדויערט דיא צווייא קינדער וואָס הערען שטענדיג אזעלכע שמיסען. נאָר טראכט ער בייא זיך, אפּשר וועט מיר געראָטהען דאָס הויז אכיסעל איבערצוּענדערן און ווענינגסטענס פֿערהיטען דיא קינדער זאָללען ניט פֿערדאָרבען ווערין. ער האָט נאָר געוואָלט עפּיס אָנהייבען זאָגען איז אריינגעקוממען דער משרת.

„וואָס דארפֿסט דוא?" פֿרעגט איהם דיא אלטע. עפּיס אַ יוד אי געקוממען נאָך אַ נדבה.

„דער רוח קענן זייא אויסשטעהן— צעשרייעט זיא זיך מיט כעס— אז עס שטעללט זיך דער טאָג איז זייא ניט אָבצוטרייבען. געה! איך האָב ניט קיין קליין געלד; נאָר זעה ער זאָלל דערוויל עפּיס ניט צונעמען".

נאָ— טראכט זיך עדלער— אָט דאָס הייסט בייא יודען אריסטאָקראטען— און חאָטשע ער האָט פֿערשטאנען, אז עס פּאסט איהם ניט רען ערשטען טאָג אָנהייבען מיט זייא מלחמה צו האלטען, דאָס יונגע בלוט און דאָס גוטע הארץ האָט איהם אָבער ניט געלאָזט פֿערשווייגען, און זאָגט צו ג...ן:

„מיין מיינונג, העהר ג..., איז אנדערש, און ניט נאָר איך זאָג עס, נאָר עס איז אויסגעוויזען, אז מיט גוטען קענן מען בעססער אויספֿיהרען וויא מיט כאָזען און מיט שלאָגען. ערשטענס מוזען מיר וויססען, אז אונזער בעדיענטער איז אויך נאָר אַ מענש, ניט קיין מלאך; למשל, איהר זאָגט איהם עפּיס, קענן ער פֿערגעסען גלייך וויא מיר אללע. ער טהוט עפּיס ניט וויא איהר ווילט; ווייל איהר זענט זעהר שטרענג אקעגען איהם, איז פֿאר גרויס מורא פֿאר אייך זוערד ער פֿערדווירט און דערלאנגט אייך נישט אזוי וויא איהר ווילט, עס פֿאללט איהם פֿין דיא הענד. היינט דאָס וואָס ער היט ניט אָב אייערס, איז פשוט ווייל ער איז אייך ניט געטרייא און טהוט אלדינג פֿאר פּענסטשינע. וויא אזוי זאָלל ער אייך געטרייא זיין? שטעללט אייך פֿאָר: ער איז איין אָרימער מענש און קומט צו אייך זוכען זיין ברוידט און פֿיהלט אז איהר קעננט איהם גליקליך מאכען; וואָלט ער געזעהן אז איהר בעהאנדעלט איהם גוט, איהר זעהט ער זאָלל קוממען צו א תכלית, עססען און טרינקען איז איהם פֿרייא, מען טהיילט איהם ניט ארויס, איהר גיט איהם נאֶמנות, וואָלט ער אייך געוויסס געטרייא געוועזען מיט'ן גאנצען לעבען, און נאָר פֿאר ליעבשאפֿט און דאנקבארקייט; אָבער מיט שלאָגען און שעלטען וועט איהר איהן געטרייא ניט מאכען. אין דיא אויגען וועט ער פֿאר אייך ציטטערן, און קוים קעהרט איהר אייך אוועק... איברינגענס, אֶפּשר האָב איך אַ טעות; איך האָב נאָך קיין

משרתים ניט געהאלטען.

דיא אלטע איז שוין געזעסען אָנגעצינדען און האָט אללע מאָל גע־קוקט צום זוהן און דער זוהן צו איהר. צולעצט זאָגט זיא צו עדלערן: „גלייבט מיר, איך האָב שוין געהאלטען משרתים און דיענסטען, עס איז נישט דאָ איינס א רעכטס! עס איז אָסור לרחם אויף זייא"!— זיא האָט זיך אויפגעהויבען פינ'ם טיש און זאָגט צום זוהן, דוא דארפסט זיך ערגיץ פאָהרען, אָט שטעהען שוין דיא פערד! --

אללע זענין אויפגעשטאנען; ג... האָט גענוממען עדלערן אונטער דער האנד, האט איהם אויסגעפיהרט אללע צימער, ער האָט זיך פאר איהם בעריהמט מיט זיין זילבער און אנדערע שאָנע זאכען און אנטיקען. ער האָט איהם דערצעהלט, אז דאָס האָט ער אָבגעקויפט פין א גענעראל און דאָס פין דעם און דעם גראף; דערנאָך האָט ער איהן געפיהרט אין גאָרטען אריין אונ האָט איהם אריינגעפיהרט אין צוויא שאָנע צימער, אויפגעבויעט אין מיטטען גאָרטען. „אָט דיא וואָהנונג— זאָגט ער — איז פאר אייך".

עדלער האָט איהם הערצליך געדאנקט, און זייא האָבען זיך געזעגענט. ג... איז אוועקגעגאנגען פאָהרען און עדלער איז געבליבען שטעהן פערטראכט. —

9

# עדלער ערציעהט קינדער.

עדלער האָט באלד געזעהן, אז דיא אלטע קוקט אויף איהם קרום און האָט געוואוסט, אז זיא וועט איהם אין פיעל זאכען שטעהן אים וועג. ער האָט שוין פערשטאנען אז דיא קינדער זענין ערצויגען נאָך איהר פערזשאווערטען שכל און יושר; און חוץ דעם וועט זיא וועללען שפילען א שטאָלץ קעגען איהם און וועט אראָבקוקען אויף דעם אָרימען לעהרעריל וויא אויף איין אנדערן גימיינען מאנן, וואָס דאָט פין איהר פרנסה, וועלכעס עדלער האָט קיין מאָל ניט ערלויבט אַפילו דעם רייכסטען, ווייל ער האָט תמיד גערעכענט, אז זיין אָרענטליכער חאראקטער און זיין גוטע הארץ האָט אַ נ־עססערן ווערטה וויא געלד. דאָך האָט ער זיך ענטשלאָסען ער זאָלל אלדינג פארנעמען און זאָלל דיא מענשען בעססערן. צום מייסטען האָבען איהם באנג געטהון דיא צווייא שאָנע און קלוגע קינדער. וויא ער איז אזוי געשטאנען פערטראכט, האָט ער זיך אויפגעחאפט וויא פינ'ם שלאָף און זאָגט צו זיך אלליין: „איך וועל טהון מיינס! איך וועל ניט בייגען דען קאָפּ פאר קיינעם אונ דער אֶמת וועט מיך פיהרען. איך מוז נאָר דען העררן ג... געווינגען באלד אויף מיין זייט, ער איז אַ פראָסט מענשיל,

וועל איך איהם נאָר אצינד ניט איינשפאנען, דערנאָך, וויא אהין איך וועל ציהען דאָס ווישקעלע וועט ער מיר נאַכגעהן, און דיא אלטע וועט זיך שוין מעגען רייסען אויף דיא ציין — וואָס זיא האָט נישט. וועל איך אָבער זעהן אז עס געהט ניט, וועל איך דאָ לאנג ניט בלייבען".—

דער מענש דענקט און גאָטט לענקט! איז גאָר ערליצרן איינגעפאַלּ־לען, אז אין דעם הויז וועט ער זיין גליק געפּיננען? אז צווישען דיא מענשען וואָס זעהן אויס וויא ווילד, מיט שטיינערנע הערצער, אין דעם הויז וועט ער נושא חן זיין און אללע שיוארצע חמארעס וועלין איבערגעהן, אינ זיין זונן וועט איהם דאָ אויפגעהן?! -

מיר זעהען אָפּט זאכען אין דער וועלט וואָס אונזער שכל קענן זייא ניט משיג זיין, מיר אֶפּפענען נאָר מויל אויהרען און בעטראכטען גאָטטעס וואונדער.— פון דער ערשטער שעה וואָס ערלער איז אהין געקוממען האָט איהן ג... ליעב בעקוממען וויא זיין אייגען קינד, גלייך דאָס הארץ האָט איהם עפּיס געזאָגט. פאַר נאַכט איז ג... צוריקגעקוממען, האָט ער באלד געפּרעגט אויב ערלער האָט טהע געטרונקען, און האָט אָנגעזאָגט, דיא משרתים און דיענסטען זאָללען איהם פּאָלגען און בעדינען וויא איהם אלליין.

דעם אנדערן טאָג איז ערלער אויפגעשטאנען גאנץ פריה, איז שוין ג... ארומגעגאנגען אין גאָרטען. ער איז אויך ארויסגעקוממען און האָבען ביידע ארימשפאציערט, ג... האָט איהם דערצעהלט חידושים פון זיינע טייערע פּעדר און האָט איהם געוויזען זיינע וועגען: „זעהט איהר—זאָגט ער— אָט דאָס אמעריקאנקעלע? נאָר בעטראכט גיט דיא ארבייט, מיט וואָס פאַר אַ סאמעט דאָס איז אויסגעשלאָגען, וויא מיינט איהר, וויפיעל דארף דאָס קאָסטען?— „איך ווייס— ענטווערט ערלער— עס איז אוודאי ווערטה ביז 200 קערבליך".— ג... האָט זיך צעלאכט מיט'ם גאנצען מויל: „הא! חא! חא! חא!— איהר זענט דער גוטער מבין. אָט דאָס אמערי־קאנקעלע האָט אויסגעשריבען דער קסיאַנדזע מ... פון לאָנדאָן, ער האָט פאַר דעם בעצאָהלט מי יודע וויפיעל; דערוויל האָט ער אמאָל דערזעהן בייא מיר אַ זשערעבעציל, וואָס טויג אייך, דער נוי איז נאָך דעם פערצאַ־פעלט געוואָרין; דאָס אָגעריל האָט מיך אין גאנצען געקאָסט 120 קער־בליך— אַ קיצור, איך האָב געזאָגט, אז ער וועט מיר אוועקגעבען דאָס וועגעלע און אַ צוגאָב 10 קאָרעץ וויץ, וועל איך מיך בייטען; און איך האָב עס געפּועלט.—

מיט אזוינע מעשות האָט ער איהם געדיללט צווייא שטונדען, דערנאָך האָט ער איהם אריינגעבעטען אויף טהע, דיא קינדער זענין אויך אריינגע־קוממען. ג... האָט געבעטען ערלערן ער זאָלל אויסשרייבען נאָט יגע ביכער פאַר דיא קינדער, און זייא האָט ער געזאָגט מוסר זייא זאָללען

לערנען און פֿאָלגען דען לעהרער, און איז טאקי באלד אין כעס געוואָרין אויף זייא און האָט זיך צעש־ינגען: „איהר וועט עבינ קיין לייט ניט זיין, איהר וועט קיין זאך ניט קעננען: איך וועל אייך אוועקגעבען— דיך פֿאר אַ דיענסט און דיך פֿאר אַ משרת". דיא קינדער האָבען זיך צעוויינט און זענין אוועק פֿינ'ם טיש. דערנאָך האָט ער זיך געטשעפּיט צום משרת און האָט איהן געפּאַטשט.

עדליער איז געזעססען וויא אויף שפּילקים. ער האָט קוים דער־טרינקען דיא טהע און איז אריינגעגאנגען צו דיא קינדער. ער האָט זייא ערקלערט, אז זייא דארפֿען ניט וויינען, אז אַ טאטע זאָגט אלדינג פֿאר געטריישאפֿט. באלד איז נ... אויך אריינגעקוממען, האָט דיא קינדער געקישט און געליַקט און עס איז שלום געוואָרין.

עס איז אוועקגעגאנגען אַ צייט. עדלער האָט מיט די־ן קינדער זעהר געט־ייא געלערנט און זייא האָבען איהם זעהר ליעב געהאט. דיא מייסטע צייט פֿלעגט ער מיט זייא רעדען, און איבערהויפּט מיט גיטעלען. ער האָט תמיד בייא זיך געט־אכט, אז צום לערנען זענין זייא נאָך יונגע קינדער, האָבען זייא נאָך געניג צייט, און מענשליכקייט מוז מען אין דער יונגער פֿערפֿלאנצען. און גיטעלין האָט ער זיך גערעכענט גאר אַ גרויס פֿער־דיענסט: אזוי וויא זיא איז אַ מיידעל אין דארף אמאָל זיין אַ מוטטער פֿין קינדער, טהוט ער ניט נאָר איהר אַ טובה, נאָר אֲפילו איהרע קינדער און אזוי ווייטער און ווייטער.—ער האָט זיך געסטארעט ער זאָלל זייא ארויסשלאָגען פֿין דיא קעפּ דען נארישען געלד־שטאָלץ, ער האָט זייא געוויזען בייזשפּילע, וויא דער גוטער מענש, דער אָרדענטליכער חא־אקטער, האָט אַ גרעססערן ווערטה פֿין עשירות, און וויא אַ נגיד לאָזט זיך אמאָל קאָסטען טויזענדער מען זאָלל אויף איהם זאָגען, אז ער איז אַ גוטער מענש.

עדליער איז אַמאָל אָנגעקוממען פֿין דער גאס און האָט דער־זעהן וויא איציקיל ליפּט נאָך אַ יונגעל מיט אַ בייטש און רייצט אָן אויף איהם אַ הונד. ער האָט איהם באלד צוגערופֿען און פֿרעגט איהם:

„פֿאר וואָס שלאָגסט דוא דאָס יונגעל ?"—„דיא באבוניאַ—ענטווערט ער—האָט געזאָגט, אז עס שטעהט מיר ניט אָן מיט איהם זיך צו חברין.

„פֿאר וואָס זשע ?— פֿרעגט עדלער—ער איז אֶפֿשר אַ גנב, אָדער אזוי אַ שלעכטער, איין אויסגעלאסענער ? הא ?.—"

דער קליינער שווייגט און שאָקעלט מיט'ם קאָפּ: „ניין!"

„פֿאר וואָס דען ?—האָט ער דיר עפּיס שלעכטס געטהון ?"—„ניין!"—

„דוא וועסט ניט אוועקגעהן פֿין דאנען ביז דוא וועסט מיר זאָגען פֿאר וואָס."

ער האָט איבער איהם אזוי לאנג גערעדט און האָט איהם מוסר

גצאָגט, ביז דער קליינער האָט זיך צעוויינט, און האָט אָנגעהויבען חליפען און זאָגט: „ווייל ער איז אַ קבצן און געהט אין אַ צעררּיסען קאפאָטקעלע.“

אזוינע זאכען האָט עדלער אָפט געזעהן. ער האָט אָבער ניט אָבּגעלאַזט קיין געלעגענהייט ער זאָ־ל דיא פעהלער אויסבעססערן. — זיין מיה איז אָבער ניט געוועזען אומזיסט. —

10

# שלום דער מלמדקים.

זינט שלום איז אהיים געקוממען, איז ער ארימגעגאנגען אַ צייט וויא אַ דיללער. עדלערס רייד זענין איהם שטארק אין קאָפּ אריין, און עס האָט איהם אלץ געצוּיגען דאָס הארץ ער זאָלל לערנען און זאָלל וויזען אז מען קענן זיין אַ לעהרער אין אַ שולע און פֿאָרט זיין גוט און פֿרום; ער האָט אָבער ניט געוואוסט אויף וואָס פֿאר איין אופֿן ער קענן דערצו קוממען. נדליך האָט ער זיך ענטשלאָססען ער זאָלל זיך בעראָטהען מיט עדלערן. ער האָט אָנגעשריעבען א קוויטעלע און האָט עס פֿערחתמיט און האָט עס מיט אַ בעהלפֿעריל אוועקגעשיקט צו עדלערין.

אַמאַל נאָך מיטטאג איז עדלער געזעססען און גיטעלע האָט איהם עפים פֿאָרגעלעזען, איז אריינגעקוממען אַ יונגעל און האָט איהם אָבגעגעבען א בריוויל.

„פֿין וועמין איז דאָס?“ פֿרעגט איהם עדלער. „פֿין ר׳ שלום דער מלמדקים—ענטזוערט יענער.

„פֿין וועמין?“ פֿרעגט ער איהם נאָך אמאָל, און דער ענטזוערט איהם דאָס איינענע. עדלער האָט זיך ניט געקעננט שטויסען ביז ער האָט געעפֿענט דאָס בריוויל און האָט אָנגעהויבען צו לעזען:

„ידידי נֵיו׳. הן כפי מיר האָבען זיך דערקעננט בנסיעתנו ביהד מב ... לכן אבקש מכבודו, „להודיעני ע״י מוכ״ז אם באֶפשרי איך זאָלל זיך קעננען זעהן מיט אייך, כי בקשה גדולה יש לי לבקש מכבודו, דברי הק׳ שלום בהמנות ר׳ שרגא זלה״ה.“

עדלער האָט געשמייכעלט, אז ער האָט עס איבערגעליינט, און האָט איהם באלד אָבגעשריעבען, אז ער זאָלל קוממען צו איהם דעם איינענעם אויף דער נאכט. —

ארום זייגער אכט אויף דער נאכט איז עדלער ארומגעגאנגען בייא זיך אין שטוב און האָט אללע מאָל געקוקט אין פֿענסטער, אין דרויסען איז געוועזען זעהר לעכטיג, דיא לבנה האָט געשיינט; עדלער האָט בע=

מערקט אז עמיצער דרעהט זיך שוין עטליכע מאָל אהין און צוריק פֿון יענער זייט פארקען און קוקט אלץ צום פֿענסטער. ער איז באלד ארויס:געלאָפֿען און האָט דערקעננט שלום׳ן. —

„וואָס דרעהט איהר אייך דאָ ארום?“ — פֿרעגט איהם ערלער —
„וואָס געהט איהר ניט אריין אין שטוב?“ „וויים איך — ענטוויערט שלום —
איך שעם מיך עפּים“.

„קומט שוין אריין! קוממט! פֿאר וועמען שעמט איהר אייך“?—
ווייא זענין ביידע אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, ערלער האָט
איהם געבעטען זיטצען און פֿרעגט איהם: „נאָ, וואָס וועט איהר
עפּים זאָגען ר׳ שלום?“

שלום איז אביסעל רויטה געוואָרין און זאָגט: „איך וויל אייך בעטען איין עצה, נאָר איהר זאָללט פֿון מיר ניט לאכען. דיא מעשה דערפֿון איז אזוי: זינט מיר זענין אין איינעם געפֿאָהרען, לאָזט עס מיך ניט רוהען און ציעהט מיך איך זאָלל לערנען לשונות. חלעבען, איך זאָג אייך אָהן הנופה, אייערע רייד זענין מיר אין קאָפּ אריין, און מיר דאכט מיט גאָטטס הילף, אז מען קענן זיין געלערנט און פֿאָרט בלייבען איין עהרליכער יוד. וויא זאָגט מען עפּים: וויא אזוי מען נעמט זיך פֿיר, אזוי העלפֿט גאָטט; וויל איך מיך מהיעץ זיין מיט אייך, וואָס צו טהון.“

ערלער איז געבליעבען זיטצען און האָט איהם אָנגעקוקט; ער האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויהרען, ער האָט זיך אביסיל בעטראכט און זאָגט: „איך וועל אייך געבען איין עצה, ר׳ שלום, נאָר איהר זאָללט מיך פֿאָלגען מיין רעה איז, איהר זאָללט דערוויילל היינטיגס יאָהר לערנען אין דער היים און זאָללט אייך צוגרייטען אויף איבער אַ יאָהר אין דער ראבבינערשולע אריין; וועט איהר נאָר פֿלייסיג לערנען, קעננט איהר אריין אין דער 4 טען קלאססע, און אין פֿינף יאָהר ארום וועט איהר זיין אַ מענש און וועט גליקליך מאכען אייער ווייב און קינד.“

שלום האָט זיך דערמאנט אָן ווייב און קינד, האָבען זיך איהם געשטעללט טרעהרען אין דיא אויגען. 5 יאָהר, זאָגט ער: עס איז אַ קליינינגקייט אוועקוואַרפֿען ווייב און קינד אויף 5 יאָהר — און וואָס וועט דיא וועלט זאָגען? —

„איך וועל אייך זאָגען — ענטוועדט ערלער — ערשטענס וואָס העלפֿט איהר אייער ווייב אז איהר זענט אין דער היים? זיא האָט נאָך אַ מויל צום עססען. און ביז 5 יאָהר קענן זיא האָבען נאָך עטליכע מיילער; און צו דער פרנסה וועט איהר איהר גאָר ניט העלפֿען. און מיר זעהען ווייטער, אז מאנגען לאָזען זיך אוועק אויף יאָהרען לאנג, אויף סכנות נפשות, זוכען ברוירט פֿון ווייב און קינדער וועגען, און ווער ווייסט צו עס וועט זייא

גערֳאטהען; און איהר ווייסט גאנץ זיכער, אז איהר וועט ברענגען גליק אייער ווייב און קינד מיט גאָטטס הילף, וחוץ לזה וועט איהר זיין אַ מעיש, איהר וועט נוצען, אי זיך אי דער וועלט. און וואָס איהר שרעקט אייך פאר דער וועלט, דאָס איז אוודאי אַ שטות. אַ גרויסער חכם האָט געזאָגט: טהוא וואָס רעכט איז און שרעק דיך ניט פאר קיינעם". מיר ווייסען גאנץ גוט, אז קיינער איז ניט פרייא פון לייטענס צונגען, איהר מעגט זיין דער פיינסטער דער בעסטער מענש, וועט איהר דער גאנצער וועלט ניט געפעללען, ווייל איטלעכער מיינט ער איז קלונער און וויללע. אללע זאָללען טאנצען נאָך זיין פידעלע; דאריבער דארף יעדער טהון וויא ער פארשטעהט; געוויס וואָס רעכט איז; וואָס טהוט ניט דער מענש פון פרנסה וועגען. וויפיעל זענין דאָ מענשען וואָס האלטען פינ'ם רבין גלייך מיט מיר, פון דעסטוועגען פאָהרען זייא צו איהם—וואָס איז? ער נוצט זייא צו דער פרנסה אין דער רבי אלליין ווייסט דען ניט דעם אֶמת, אז ער איז אַ גלייכער מענש מיט אללע, ער זעהט אָבער, אז דער עסק גילט פאר-קויפט ער קינדער און פערדינגט אַרענדעס, וויללט איהר האָט ער עשירות צו פער-קויפען, און אלליין דינגט ער זיך פאר אַ קערביל יענעמס קינד קורירט ער מיט ווערימקרויט, מיט איבערגעזאָטענע קמעות און הייסט ניט נוטצען קיין דאָקטאָר, און צו זיין קינד נוצט ער אַ דאָקטאָר. דער תירוץ איז: רופא ולא לו".—וואָס מיינט ער? פרנסה.— און איהר ווייסט בייא זיך דעם אֶמת אז איהר טהוט קיין שום עולה ניט, נאָר איהר ווילט זיין אַ מענש, און אצינד האָט איהר צייט. איך נעם עס אויף מיר, איך וויל מיט אייך לערנען, און אויב איהר וועט נאָר דאָס יאָהר פלייסיג לערנען, וועט איהר אריין אין דער 4 טען קלאססע.

שלום איז געבליבען זיטצען, ער האָט גאָר ניט פערשטאנען וויא אזוי עס קענן געשעהן. „וויא הייסט—זאָגט ער—איהר וועט מיר לערנען? איהר זענט עפיס חלילה עמיצענס משרת?—

איך בין טאקע ניט קיינעמס משרת ענטווערט עדלער, און בין פאָרט איטלעכענס משרת. אַ מענש לעבט ניט פאר זיך אלליין. אז איך לעב צווישען מענשען דארף איך אלדינג טהון לטובתם. בין איך רייך — מיט מיין געלד; בין איך קלוג—מיט מיין שכל, בין איך געלערענט—מיט מיין הורה. קורץ מאָרגען קוממט צוגעהן פאר נאכט, וועלין מיר צו מזל אָנהייבען לערנען.—

שלום האָט איהם זעהר געדאנקט און האָט איהם געבעטען עס זאָלל זיין בסוד און איז אוועקגעגאנגען.—

11

# ברוך דיין אמת!

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַקעגען אַ האלב יאָהר, האָט שוין ערלער געזעהן פֿאר זיך גאָר אנדערע צוויי קינדער; ווער שמיסט גיטעלע איז נאָר געוואָרין אזוי גוט, אזוי פֿיין, אזוי פֿרום, אז ער האָט גאָר אָנגע־קוועללט. מען האָט פֿין איהר קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט, קיין שלעכטע מינע ניט געזעהן, זיא האָט ניט אויפֿגעגעססען אַ ביסען זיא זאָלל זיך ניט טהיילען מיט איין אָרים מאנן; האָט זיא דערטאפּט אַ גראָ־שען, אָרער אַ ברויד, האָט זיא שוין געהאט איהר אָרימע לייט וואָס זיא האָט עס זייא אָבגעשטעקט. דיא אלטע פֿלעגט שרייען נאגעוואלט, עס פֿעהלט איהר אַ ברויד, אונ ערלער האָט דערפֿין תענוג געהאט. ער האָט אָבער ניט אָבגעלאָזט קיין געלעגענהייט גליקמאן אלליין צו געבען לעקציאָ־נען: ער האָט איהם אָפֿט דערצעהלט אונ ארויסגעלעזען פֿין צייטונגען וויא דער אונ דער עושר האָט אויסגעבויעט אַ שפּיטאָל, דער האָט גע־מאכט אַ גמילות-חסרים פֿין געמיינע לייט וועגען, דער האָט גרויס כבוד בייים לעבען, דער נאָכ'ם טוידט. אין איין וועג האָט ער איהם געוויזען אז איינער האָט נעטהון עפּיס אַ גרויסע זאך לטובת הכלל האָט ער בעקוממען פּאָטאָמסטיוענע גראזשראנסטוואָ. דיא רייד זענין אויך ניט געוועזען אומזיסט, גליקמאן איז אויך געוואָרין איין אנדערער מענש, ער האָט אָנגעהייבען זוכען כּבוד, אונ האָט שוין צו צייטען מענשען טובית גע-טהון אונ האָט גענעבען שאָנע נדרים ונדבות אין שטאָדט. דיא אלטע האָט אָבער זעהר פֿיעל געשטערט: זיא האָט בעשטענדיג דערצעהלט דעם זוהן אז דיא גאנצע שטאָדט זענין איהם שונאים אונ שפּעטטען פֿין איהם (זיא האָט אויך געוואוסט פֿין אַללע שווערע הערצער) אונ זענין ניט ווערטה ער זאָלל זייא טובות טהון.— ערלערן האָט זיא ניט געקעננט אָנקו-קען וויא אַ שפּין אונ האָט אויף איהם אויסגערערט אלדעם בייז. עס האָט איהר אָבער ווענינ געהאָלפֿען. עס איז ניט איבערגעגאנגען אַ טאָג זיא זאָלל ניט האָבען אַ ספּראווע מיט אַ שניידער, מיט אַ שיסטער, דעם האָט זיא ניט דערצאָהלט, דעם האָט זיא פֿערלייגענט אונ האָט גאנצע טעג געשריגען אונ געשאָלטען.

איין מאָל זענין גליקמאן אונ ערלער געזעססען אונ האָבען עפּיס גע־שמיסט, פּליצים האָבען זייא דערהערט אין קארידאָר אַ געשרייא אונ אַ געוויין. זייא זענין געשווינד ארויסגעלאָפֿען, זייא זענין גאָר טוידט געוואָרין אז זייא האָבען דערזעהן אַ ווייבעל אראָבלויפֿען פֿין דיא ט־עפּ, אונ דיא אלטע ליגט אויסגעשטרעקט אויף דער ערד אָהן לשון, מיט אַ שטעקען אין דער האנד, אונ קענן זיך ניט אויפֿהייבען. זייא האָבען זיא געשווינד ארוינ־

עטראָגען, מען האָט באלד געבראכט דאָקטוירים, האָבען זייא באלד גע־זאָגט אז זיא איז גאנצען געלעהמט און זיא וועט ניט לעבען. גליקמאן האָט אָנגעהויבען פרעגען דיא משרתים און דיענסטען וואָס דאָ איז אזעלעכס גע־שעהן, ווער איז געוועזען דאָס ווייבעל וואָס איז ענטלאָפען? איין דיענסט איז דער־בייא געשטאנען האָט זיא איהם דערצעהלט מיט דיא ווערטער:

„דאָס ווייבעל זאָגט, זיא—וואָס איז ענטלאָפען— איז איין אָרימער קרעמערינס אַ טאָכטער, איהר מוטטער איז פאר עטליכע וואָכען גע־שטאָרבען; פאר דעם טוידט האָט זיא אויסגערעכענט בייא וועמען עס קוממט איהר געלד, צווישען דיא חובות האָט זיא גערעכענט בייא דער בעל־ביתטע 22 גולדען, האָט זיא זייא אצינד געמאָהנט, און זייא האָבען געזאָגט אז זייא האָבען שוין בעצאָהלט איהר מוטטער. דאָס ווייבעל האָט נעבוך זעהר אָנגעהויבען צו וויינען, זיא האָט זייא געזאָגט סימנים און האָט זיך געשוואָרען אז מען האָט געמענט גלייבען אַ הונד; איז דיא בעל־ביתטע אין כעס געוואָרין און האָבען זיא ארויסגעשטיפט, ווייס איך ניט, האָט זייא דאָס ווייבעל אַ פנים געשאָלטען, צו וואָס, זענין זייא איהר נאָכגע־לאָפען מיט אַ שטעקען און האָבען זיך אַ פנים פערטשעפעט אָן דער שוועל און זענין געפאללען...“

אין עטליכע טעג אַרים איז זיא געשטאָרבען אָהן לשון.—ברוך דיין אמת!

12

# דער רבינס מופת.

צווישען יודען איז דאָך קיין סוד נישט דאָ, זייא קעננען אמאָל אויסטראכטען וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, וכפ״ט וואָס אֱמת איז ויעט זיך קיינער פאר זייא ניט אויסבעהאלטען. אין בית—המדרש איז געוואָרין אַ קלאנג, אז אין שלום דער מלמדקים איז אריין אַ דבוק: ער גיהט בעשטענדיג אריין צום דייטש און ליינט ביכליך. און חאָטש שלום האָט זיין שטייגער ניט פערענדערט, ער איז געוועזען אזוי פרום וויא תמיד; דאָך האָט מען איהם אין בית־המדרש שטארק דאָקיטשעט, מען האָט איהם צוגעקלאָגט צו זיין רבין. דער רבי האָט דארויף שטארק געזיפצט און האָט געזאָגט, וויא באלד שלום וועט דאָס ניט אוועקווארפען, וועט ער חס ושלום ניט מוצא שנתו זיין. שלום איז דאָך אָבער געוועזען עדלערס אַ תלמיד, וויא ווייט מען האָט איהם פערפאָלגט האָט ער קיינעם קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, און האָט געטהון זיינס.

עס איז געקוממען דיא צייט שלום זאָ״ל אוועקפאָהרען אין דער ראבבינערש ל״ג אריין, האָט איהם עדלער מיטגעגעבען בריעף צו אללע לעהרער, ער האָט זייא געבעטען זייא זאָללען ניט אזוי שטרענג זיין בייא

זיין עקזאמען; ער האָט זייא פֿערזיכערט אז ער האָט איין אויסגעצייכנעטען קאָפּ אונ איז זעהר פֿלייסיג, אונ וואָס ער וועט ענדיגען, צו רב צו לעהרער וועלין זייא פֿין איהם קיין חרפה ניט האָבען.

גליקמאַן האָט איהם אויך מיטגעגעבען בריעף צו זיינע בעקאַנטע עדלער האָט איהם ארויס בעגלייט אונ איז אוועקגעפֿאָהרען.

עס איז אוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טאָג נאָך זיין אוועקפֿאָהרען איז אין שטאָדט געוואָרין אַ ליארים, אַז שלום דער מלמדקים איז פֿערפֿאללען געוואָרין. איינער האָט געזאָגט אז ער האָט זיך געשמד, איין אז ער זיצט נאָך ביי אַ גלח אונ וועט זיך ערשט שמדן. א טהייל האָבען געזאָגט אז ער האָט זיך זיכער דערטרענקט אונ דער רבי איז אַ בעל מופת. דיא ווייבער צווישען דיא קלייטען האָבען געשאָקעלט מיט דיא קאָפּליך האָבען דארויף געזיפֿצט, זייא האָבען געדרונגען אז דאריבער שטארבען קליינע קינדער אין שטאָדט, אונ עדלער האָט געליזט קללות וויפֿיעל שטערין אין הימעל. שלום׳ס ווייב איז אריינגעפֿאללען צו גליקמאַן אונ צו עדלערן מיט אַ געוויין זייא זאָללען איהר אָבגעבען איהר מאנן. זייא האָבען איהר דערצעהלט דיא גאַנצע מעשה אונ האָבען זיא פֿערזיכערט אונ געשוואָרען אז ער לעבט אונ זיא וועט פֿין איהם באלד האָבען אַ בריעף, איז זיא אביסיל בערוהיגט געוואָרין. נאָר אין שטאָדט האָט נאָך אלץ געקאָכט וויא אין אַ קעסעל, ביז גאָטט האָט זייא צוגעשיקט עפּיס איין אנדערע מעשה פֿין וואָס צו רעדען, האָבען זייא אָן דעם צו ביסלעך פֿערגעססען.

אין אַ צייט ארום האָט עדלער בעקוממען אַ בריעף פֿין שלומין, אז ער איז אריין אין דער 4 טען קלאססע אונ אללע לעהרער האָבען איהם פֿערזיכערט אז ער וועט זיין אויף קאזיאָננע שטשאָט. צום ווייב איז אויך געוועזען אַ בריעף, איהר האָט ער אזוי געשריעבען:

„מיין געטרייא אונ ליעב ווייב!

„איך קענן דיר ניט ארויס־שרייבען מיינע ע״נ וואָס איך האָב דאָ;
„איך פֿערשטעה גאנץ גוט דיין מעמד אצינד. נאָר זאַללסט ניט מיינען, אז
„איך האָב דיך ח״ו אוועקגעוואָרפֿען, זאָללסט וויססען אז איך בין אוועק
„זוכען גליק דיר אונ אונזער איינציג קינד. אז מיר וועלין לעבען וועסט
„דוא זעהן דען אֱמת, אז דיא וועסט פֿערשפּאָרען זיטצען אין מארק אין דיא
„גרעסטע קעלטען אונ היטצען אונ זוכען צו פֿערדיענען עטליכע גראָשען אויף
„ברויד. איך בעט דיך גיב אכטונג אויף דעם קינד עס זאָלל לערנען.
„אז דוא וועסט בעדארפֿען אַ מאָל אַ טובה, אָדער איין עצה זאָללסט דוא
„געהן לבת הגביר ה׳ גליקמאַן זיא וועט אלדינג טהון לטובתך. זייא געזונד
„אונ זאָרג נישט, אונ האָר ניט וואָס שלעכטע אונ פֿאלשע מענשען זאָגען.
„דברי בעלך, שלום.‟

.13

# חתן כלה.

נאָך דער אלטער'ס טוידט איז דאָס הויז גאָר אנדערש געוואָרין. גיטעלע האָט איבערגענוממען דיא שליססעל. אונ וויא יונג זיא איז געוועזען האָט זיא שוין פֿרשטאנגען אַ בעל-הביתטע צו זיין. דיא דיענסטען אונ משרתים האָבען אללעס געטהון פֿאר ליעבשאפֿט צו ניטעלען. דער פֿאָטער האָט זיך גאָר ניט געקעננט פֿערוואונדערן וואָס דאָ איז געשעהן. ער האָט פֿערשפּאָרט שעלטען אונ שלאָגען דיא בעריענטע, ווייל אללעס איז געגאנגען וויא אַ זייגער. ער איז צו גלייבען געקוממען ערלערס ווערטער. — אָרימע לייט האָבען שוין אויך הנאה געהאט פֿין גליקמאן'ס עשירות, מען האָט איטלעכען געגעבען אַ נדבה מיט כבוד אונ מיט אַ פֿרעהליך פנים; דאָס אללעס איז געגאנגען דורך גיטעלס האנד, אונ דער פֿאָטער איז דארויף בעשטאנגען, ער האָט דער־פֿיהלט אַ גליקליך אונ אַ רוהיג לעבען, אונ דיא שפּראָנושינע פֿין דער נייער מאשין איז געוועזען ערלער.

נאָ, בחוריל! וואָס זוכסט דוא, אַ כלה? — זעה וויא אלדינג איז געווענדט אָן דער עקרת־הבית; זעה, פֿין וואָס עס הענגט אָב דיין גליקליך לעבען. דוא פֿרעגסט אוודאי נאָך, אויב דיין כלה קענן פֿראנצאָזיש, צו שפּיעלט זיא פיאנאָ, דוא קוקסט זיך צו אויב זיא מאכט שאָנע חנדליך — פֿערגעס נאָר ניט צו קלערען צו דיין כלה האָט אַ גוט הארץ, אַ גוטע זעעלע. דאָס איז דיא איינציגע זאך וואָס קענן דיר פֿערזיסען דיין לעבען אונ גליקליך מאכען דיך אונ דיינע קינדער. פֿין דער גרעסטער האָראָוואניע, פֿינ'ם גרעסטען עגמת נפש, אז דוא וועסט אהיים קוממען, אונ זיא וועט דיר אקעגען געהן מיט א פֿרעהליך פנים, מיט זיסע רייד, אונ וועט דיר אללעס אויסרעדען צו גוטען — דאָס וועט דיר היילען דיינע אללע וואונדען, אונ וועסט וויססען, אז פֿינ'ם גאנצען פוסטען טאראראם פֿין דער וועלט, פֿין אללע דיינע קלאָמטרשט גוטע פֿריינד געפֿיננסט דוא רוה אונ איין גוטען פֿריינד בייא דיר אין דער היים. —

צו גיטעלען האָבען זיך אָנגעהויבען יאווזען חתנים. — ...ה האָט איהר געוואָללט חתונה מאכען אונ דערנאָך זאָלל ער אלליין חתונה האָבען, ער האָט זעהר ניט געוואָללט דאָס קינד זאָלל פֿערזוכען אַ שטיפֿמוטער. — צווישען דיא חתנים זענין געוועזען אללערלייא: גאנצע דייטשען, האלבע דייטשען, רייכע, געבילדעטע; גיטעלען איז ניט איינער פֿין זייא געפֿעללען. — זיא האָט אלץ געזאָנט חסרונות: דער מאכט פֿיעל חן מיט קאָמפּלעמענטען, אונ דאָס איז פֿאלש; דער אנדערער האָט זיך

ארויסגעהאפט מיט מיאוסע רייד אויף יורען און איז אַ שלעכטער מענש. דעם פֿאָטער איז דאָס אין דער נאָז אריין, ער האָט פֿערשטאנען פֿין איהרע רייד, אז זיא האָט זיך גענומען ערלערן פֿאר אַ טוסטער, און ווכט אינ'ם חתן ערלערס מעלות. ער האָט זיך גאָר קיין עצה ניט גע־קעננט געבען. ערלער איז איהם טאקע זעהר געפֿעללען, נאָר ער זאָלל זיין גיטעלעס חתן האָט ער זיך ניט געקעננט ענטשליעסען, ווייל ער האָט זיך נעהאלטען פֿאר אַ טהייערער משקה; און וואָס וועט זאָגען דיא וועלט, אז ער וועט זיך אזוי אראָבלאָזען און וועט נעמען איין אָרימען לעהרער פֿאר איין איידעם. — איין מאָהל איז גליקמאן געפֿאָהרען מיט ניטעלין שפאציערען, אויפ'ם וועג האָט ער זיא אלץ געפֿאָרשט און האָט געמאכט אַ שמוס פֿין דעם חתן, פֿין יענעם חתן, טאָמער וועט ער פֿין איהר הערען ריינע האָרטער, וועט ער זיא אראָבפֿיהרען פֿין דיא געדאנקען; זיא האָט אָבער מורא געהאט פֿאר איהם דאָס הארץ צו עֶפֿפֿענען. דערנאָך האָט ער זיך מיישב געוועזען און האָט זיא פשוט געפֿרעגט: „זאָג זשע מיר, טאָכטער, ערלערן וואָללסט דוא געוואָללט פֿאר אַ חתן"? גיטעלע איז שטארק פֿערשעמט געוואָרין, זיא האָט אראָבגעלאָזט דיא אויגען און האָט איהם גאָר ניט געענטפֿערט. ער האָט זיא אָנגעהויבען קישען און בעטען: „מיין לעבען! מיין הארץ! פֿאר אַ טאטען שעמט מען זיך ניט, זאָג מיר דעם אֶמת וואָס דוא טראכסט אים הארצען. דוא זאָגסט זיך אלליין, אז אַ מענש דארף ניט זיין פֿערשטעלט, ובפֿרט אַ קינד פֿאר דעם פֿאָטער". ער האָט זיא אזוי לאנג געבעטען ביז זיא האָט איהם אָנגעהויבען קישען אין דיא הענד און פֿרעגט איהם: „זאָג אלליין, טאטאָניאָ! איז דען נאָך דאָ אזא מענש אויף דער וועלט וויא ערלער? אזא גוטער, אזא עהרלי־כער מאנן? — וויפֿיעל מענשען עס קומען צו אונז האָב איך נאָך איי־נעם אזעלכען ניט גיזעהן, דוא ווייסט דען אלליין ניט דעם אֶמת."

„עס איז טאקע אֶמת מיין טהייערע טאָכטער; איז זשע שאָן פֿאר אונז זאָללסט נעמען אַ לעהרער פֿאר אַ חתן? און וואָס וועט זאָגען דיא וועלט? דוא קעננסט נישט לייטישע מיילער?"—

„וואָס איז דען פֿאר אַ בושה—זאָגט גיטעלע—אַ לעהרער טהוט דען עמיצען שלעכטס? מיר דאכט, אז עס איז אַ גרויסע מעלה, ער טהוט מענשען דיא גרֶאסטע טובה. איך ווייס ער האָט מיך גליקליך גע־מאכט, ער האָט מיך בעשטענדיג געלערנט איך זאָלל זיין גוט. און פֿרום איך קענן עס איהם אייביג ניט פֿערגעססען, און וואָס ער האָט קיין געלד ניט, איז אוודאי ניט קיין חסרון, וואָס קוממט ארויס חוהלין, אז זיא האָט אַ רייכען מאנן, איז זיא דען גליקליך? אז ער איז אַ גראָבער יונג, אַ שלעכטער מענש און צעהלט איהר דיא גרויפען אין טאָפ אריין. גלייב מיר, זיא וואָללט בעססער געגעססען טרוקען ברוידט אבי זיא זאָלל פֿין

איהם ניט ליידען". —

גליקמאן איז געבליעבען זיטצען וויא דערשלאָגען. ער האָט זיא זעהר ליעב געהאט אונ האָט גערעכענט מיט איהר אַ גרויסען שידוך צו טהון, עס זאָלל איהם בכּוד מאכען; אצינד זעהט ער ארויס, אז זיינע פּלאנען זענען צו נישט געוואָרען. ער איז אריםגעגאנגען עטליכע טעג וויא אַ דילער אונ האָט אלץ געקלערט איין עצה: זאָלל ער אָבזאָגען ערלערן פון זיין הויז—האָט איהם וועה נעטהון דאָס הארץ אויף דעם גוטען אונ פּריממען מענשען וועלכען ער האָט פיעל צו פֿערדאנקען, וואָס ער האָט לייט גע־מאכט פון זיינע קינדער אונ אֲפִילוּ פון איהם אלליין. אונ גאָטט ווייסט וואָס מיט דעם קינד וועט זיין, אז קיין חתן וועט איהר ניט געפֿעללען אונ זיא וועט זיך שטיללערהייט קרענקען. זאָלל ער איהר מיט געוואלט חתונה מאכען מיט איין אנדערן, וועט ער זיא אומגליקליך מאכען אויף אייביג. דיא געדאנקען האָבען איהם זעהר געקרענקט, ביז ער איז געפֿאללען אויף איין עצה: אויב ערלער וועט בעשטעהן ער זאָלל פֿאָהרען אויסשטודירען אויף דאָקטאָר אונ גיטעלע וועט וועלין ווארטען, וועט ער איהם נעמען פֿאר איין איידעם, אונ אויב נישט, מעג זיין וואָס עס ווילל, וועט ער עסניט טהון.

ער האָט ערלערן ענטדעקט דיא גאנצע געשיכטע, וויא אַ גוטען פֿריינד, אונ האָט איהם קיין שים פֿאָרווירפֿע ניט געמאכט. ער האָט גוט געוואוסט, אז ערלער איז דאָ קיין חייב ניט, אונ האָט איהם געפֿרעגט, אויב ער בעשטעהט אויף דעם פּלאן.

ערלער האָט זיך געוויס דערפֿין ניט אָבגעזאָגט; עס האָט איהם נאָר באנג געטהון צו פֿערלאָזען אויף עטליכע יאָהר דאָס הויז, וויא עס איז איהם אזוי גוט געוועזען. דערפֿאר האָט ער זיך אָבער פֿאָרגעשטעללט, וויא גליקליך ער וועט זיין שפעטער, אז דיא צייט וועט איבערפֿליהען.

ער האָט אָנגעהויבען לערנען אונ האָט זיך צונגערייט אין דער או־ניווערזיטעט אריין. אַ טאָג פֿאר זיין אוועקפֿאָהרען האָט גליקמאן פֿער־בעטען צו זיך זיינע צווייא גוטע פֿריינד פֿאר עדות אונ האָט מיט ערלערן אויסגעשמיסט, וויפֿיעל נדן ער איז זיך מתחייב אינ זייא האָבען געמאכט אַ האנדשלאג.

דעם אנדערן טאָג, אין דער פֿריה, האָט זיך ערלער געזעגענט אונ איז אוועקגעפֿאָהרען מיס פּאָסט אין דער אוניווערזיטעט אריין. —

.14

## דיא שטיפֿמוטטער.

גיטעלען איז פֿאָרט בעשערט געוועזען צו פֿערזוכען אַ שטיפֿמוט־טער. עס איז איועקגעגאנגען אַ פּאָהר יאָהר נאָך ערלערס אוועקפֿאָהרען האָט גליקמאן חתונה געהאט. ער האָט גערעכענט אז ער האָט שוין גי־

טעלען פֿע־זאָרגט, ער האָט איזעקגעלעגט פֿין איהרעטוועגען עטליכע טויזענד קערבליך און אַ מאַנן וועט זיא אויך האָבען אזוינעם וואָס נאָטט און לייט ווערין, ניא מקנא זיין. יחוץ לזה האָט ער געקענגט גיטעלעס ערלען חאראקטער, אז זיא וועט איהם קיין עגמת—נפש ניט מאכען. ער האָט גענומען אַ יונג ווייבעל, אַ געבילדעטע פֿין אַ שאָנער פֿאמיליע— נאָר גיטעלען איז זיא פֿאָרט געוועזען אַ שטיפֿמוטטער. זיא האָט בייא איהר באלר צונעמען דיא שליסעל, אין האָט מיט איהר געקאָמאנדעוועט, אהין זאָללסט דוא געהן און אהין נישט ; מיט דעם זאָללסט דוא שמיסען און מיט דעם נישט. אז זיא האָט נעדארפֿט עמיצין עפיס שענקען האָט זיא ווירער געמוזט נעמען קיינער זאָלל ניט וויסען, וויא אין דיא אלטע יאָהרען. גיטעלע האָט דאָס אללעס פֿערנוממען וויא איין אומשולדיג שעפֿעלע און האָט קיין מאָל קיין אונצופֿריעדענע מינע ניט געוויזען, דער פֿאָטער זאָלל קיין ע״נ ניט האָבען. — אז זיא האָט איהר אַמאָהל שטארק דערקיטשעט, האָט זיא געטהון אַ ווייבערישע רפֿואה : בייא זיך אין שטיביל האָט זיא זיך שטיללערהייט אויסגעוויינט און קיינער האָט נישט געוואוסט. —

איהר גאנצע טרייסט איז געוועזען, אז זיא האָט ערהאלטען אַ בריעף פֿין ערלערן, אז עס געהט איהם גוט און ער האָפֿפֿט צו ענדיגען אויסגעצייכענט. דערמיט האָט זיא זיך געקוויקט און האָט געצעהלט דיא מינוטען פֿין איין פאָסט־טאָג צום אנדערן. ערלער איז אין דער גאנצער צייט נאָר איין מאָהל בייא זייא געוועזען, נאָך דעם ערשטען יאָהר, און זינט גיטעלע האָט איהם געשריעבען, אז דער פֿאָטער האָט חתונה געהאט און האָט איהם בעשריעבען דיא שטיפֿמוטטער, האָט ער בערעכענט, אז עס פאסט איהם ניט אַהיים צו פֿאָהרען ביז ער וועט ענדיגען און האָט נאָר געשמיסט מיט איהר דורך בריעף. מיט שלומין האָט ער אויך קאָרעספאָנדירט. איינער דעם אנדערן האָט בעשטענדיג געמעלדעט וויא עס געהט איהם. זייא האָבען זיך אָבגעשמיסט זייא זאָללען ביידע זיין אין ק.... דער דאָקטאָר און דער לעהרער אין שולע, און האָבען זיך צוגעשווירען אייביגע פֿריינדשאפֿט.

## 15.

# מזל—טוב !

דיא צייט איז פּאוואָליע געגאנגען. ניט בייא איטליכען געהט דיא צייט אין איין מאָס ; בייא איינעם פֿליהט זיא צו געשווינד. נאָר בייא גיטעלען מיט ערלערן איז זיא אזוי פּאוואָליע געקראָכען, אז איטלעכער טאָג איז געוועזען לאנג וויא אַ יאָהר.

עטליכע וואָכען פֿאר דעם עקזאמען האָט מען דאָ אללעס צוגעגרייט

צו דער חתונה. דיא שטיפמוטטער וניא געוועהנליך האט ניט דערלאזט מען זאלל גיטעלען מאכען טהייערע קליידער. גיטעלע האט אבער דארוים געלאכט, זיא האט געוואוסט אז ניט פין דיא קליידער הענגט אב איהר גליק אונ איהר כבוד.

אין מאהל, אין א שאנעם לעכטיגען טאג—דעם טאג האט דיא זונן געשיינט שאנער וויא געוואהנליך, גלייך זיא וואללט אויך געקוועלט פין גיטעלעם גליק. — גיטעלע איז אבער אויך געוועזען מלא חן, שאנער וויא תמיד; עס האט אויסגעזעהן וויא זיא שפארט זיך מיט דער זונן, ווער פין זייא לייכט שאנער. דיא גאנצע פאמיליע זענין געזעססען ארים טיש, אויך צווייא פרעמדע מענשען, איז אריינגעקוממען דער משרת אונ זאגט, אז מען האט פין ערגיץ געבראכט א טעלעגראפישע דעפעשע. גליקמאן איז באלד אוועק פינ'ם טיש, גיטעלע איז זעהר בלאס געווארין אונ דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען שטארק קלאפען. אונ אין א מינוט ארים האט איהר גליקמאן געזאגט דיא בשורה אז עדלער האט געענדיגט **דאקטאר דער מעדיצין**, אונ מארגען פאהרט ער ארוים. גיטעלע איז ארויפגעפאללען דעם פאטער אויף דעם האלז, האט איהם אנגעהויבען קישען אונ וויינען פאר פרייד פאר דאנקבארקייט. דיא געסט האבען גיטע־לען גראטולירט. דיא שטיפמוטטער איז געזעסען אין געהאקטע וואינדען פאר קנאה, דאך האט זיא געוואללט ווייזען אז זיא איז אויך צופריעדען פין דער בשורה, האט זיא צוגערופען גיטעלען צו זיך: קום אהער גוטעלע טהייערע וועל איך דיר גראטולירען!" — גיטעלע איז צוגעגאנגען אונ האט גע־חאפט אזא דעליקאטנע קישעלע, אז מען האט קוים געהערט. —

אין 8 טעג ארים איז בייא גליקמאנען אויף דעם הויף געוועזען דיא חופה.

מען האט נאר אריינגעפיהרט חתן כלה צוריק אין זאאל אריין וויא דער גאנצער עולם איז געוועזען פערזאממעלט אונ אללע מיילער האבען נאר געשריגען „מזל טוב"! אין מיטטען דעם גערייש האט דער משרת געמעלדעט, אז א יונגער מענש פרעגט זיך צום חתן. עדלער האט איהם געהייסען אריינבעטען. יענער איז נאר אריינגע־קוממען אויף דער טהיר איז איהם עדלער אקעגען געלאפען, זייא האבען זיך ביידע פריינדליך געקישט, אללע געסט זענין געבליבען מיט אפפענע מיילער, עס האט אללע געוואונדערט וואס דער דאקטאר קישט זיך מיט א פראסטען יורען. ביז עדלער האט איהם פארגעשטעללט דעם גאנצען עולם, אז דאס איז ר' **שלום דער מלמדקים**, אונ איז געקוממען קיין ק.... פאר לעהרער אין שולע אריין! — איז ערשט אויפס נייא געווארין א גערייש וויא צווישען בינען: „**שלום דער מלמדקים**! **שלום דער מלמדקים**! — שלום! שלום! שלום" ! —

**ד' יברך את עמו בשלום** לפ"ק.